№ 29 Nalezytosc pocztowa opłacona ryczałtem. זעכסטער יאָה־גאַנג. פרייז 20 גראשען „CZĘSTOCHOWER CAJTUNG

טשענסטאכאווער צייטונג

אַנאָנסען־פּרייז:
פאר א טילימעטער שורה
פאר ן טעקסט 24 גראשען נאָכ׳ן טעקסט 18 גראשען.
אין טעקסט 60 גראשען.
פאר׳ן אינהאלט פון די אנאָנסען איז די רעד. נישט פאראנטווארטליך.

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
ערשטע אלעע 6. טעלעפאן 201.

אבאָנאמענטס־פרייז
א נומער 20 גראשען.
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
Częstochowa, Aleja 6. telefon 201.

Piątek dnia 15 lipca 1927 ליכט צינדען 7 מיט 31 מינוט פרייטאג, פ׳ פנחס ט״ו תמוז. תרפ״ז.

פייערלטשטער־זאל

פעראנשטאלטעט דורכן פון יודישען ארטיסטען־פעראיין אונטער דער לייטונג פון ה׳ ביאל־קאַמיטש מיט׳ן אנטייל פון דער סובראַטין

ליבגאלד פרוי און פרויען: ביאלקאמיטש, ליבגאלד, לובאַרטאוסקא, סעגאל, צאָהם א״א
מענער: ביאלקאמיטש, בלאט, הינער, הײנבערג, זובאק, וילבערבערג, ליבגאלד, מאקסימאָוו אא.

בילעטען פריהער צו בעקומען אין דער דרוקעריי פון ה׳ בעסטען אלעע 6, שבת פון 11 פריה ביי דער קאסע.

שבת דעם 16 יולי 4 נאכמיטאג פון 50 גר. ביז 1.50 גרויסע קאָמבינאציאָנס־פאָרשטעלונג

די רומענישע חתונה

אין די ראָלען: דבורה—פרוי ליבגאלד, מאמקע—ה׳ הינער, ישראל—ה׳ הײנבערג, אלטער זאכאר ה׳ מאקסימאָוו, שלמה יונה—ה׳ ליבגאלד, שלום הירש—ה׳ בלאט, מאריאשא—פרוי ביאלקאמיטש, שמעון—ה׳ זובאק, שמואל קיולער—ה׳ ווילבערבערג. רחל׳ע—פרוי סעגאל. אויף יעדען בילעט אין פארטער קען מען מיטנעמען אקינד ביז 6 יאהר.

שבת 9 אווענד פרעמיערע
אונאבערופליך הײנט נעשפּילט דער ערהארטעטער שלאגער מיט געזאנג און טענץ אין 3 אקטען

די מאמע פון דער וועלט.

סופלער ה׳ ליודנער.

זונטאג 9 אווענד פון 60 גר. ביז 2 זל.
הערט געשפּילט די בעליבטע פיעסע אין 3 אקטען

דאס חופה־קלייד.

אין פראבען: דער בלינדער מאלער, די צוויי חברים, די נאכט פון ליבע, אויפ׳ן שוועל פון גליק, א ווינקעל אין ניו־יאָרק.

Teatr „Rozmaitości“, dyr. J. Otrembski, Strażacka № 8, dawn. („Reduta“.)

SUBLOKATORKA

פרייטאג, שבת און זונטאג פרעמיערע!
קאמעדיע אין 3 אקטען פון אדאם גרוזימאלא־שעדלעצקי א. ט.

WIERNA KOCHANKA שבת און זונטאג נאכמיטאג צו ביליגע פרייזען

אויפרוף!

„און עס האט געזאגט, צום סוף פוילען: הער עס זאל צו מיר קומען, וועט זיין פריי און גלייך, הייל איך בין די פרייהייט"

אדאם מיצקעוויטש.

ברידער יודען!

הײנט מיט הונדערט און עטליכע צעהנדליגע יאהר צוריק איז פוילען פערשקלאפט געווארען, האט דער פאלקס־פיהרער טאדעאוש קאשטשושקא אויפגערופען אלע פעלקער, וועלכע וואוינען אויף דער פוילישער ערד צו דער פערטיידיגונג פון דער היימאט, דאמאלס האט זיך געפונען אין פאלק ישראל א גרויסער מאן מיט׳ן נאמען בערעק יאסעלעוויטש וועלכער האט זיך געשטעלט ביי דער זייט פון קאשטשושקא און געשאפען א גאנצען פולק קאוואלעריע פון בלויז יודען. פוילען איז געפאלען אונטער׳ן דרוק פון איבערוועלטיגענדער קראפט, ער האט אבער נישט אויפגעהערט צו גלויבען אין דער הייליגער זאך און געקעמפט ווייטער פאר פוילען אין דער פרעמד, אין די לעגיאנען פון דאמבראווסקי אונטער דער פיהרערשאפט פון גרויסען נאפאלעאן! נאפאלעאן זיגט, פוילען הויבט זיך אויף פון איהר שקלאפערייאלס ווארשאווער הערצאגטום. בערעק יאסעלעוויטש קעמפט ווידער אויף דער פוילישער ערד ביי דער זייט פון פירשט יוזעף פאניאטאווסקי און דא אין יאהר 1809 אין דער שלאכט אונטער קאצק פאלט ער מיט א העלדען־טויט ווי עס פאסט פאר א זוהן פון פאלק ישראל.

פוילען האט מען ווידער פערקנעכט אבער די זריעה פון דעם פערגאסענעם בלוט דורך דעם גרויסען בירגער פון פוילען האט ארויסגעגעבען הערליכע פרוכטען.

פוילען איז אויפגעשטאנען תחית המתים און הײנט, אין הונדערט און צוואנציגסטען יאהרצייט פון בערעק יאסעלעוויטש בויט איהם דאס דעמאקראטישע פוילען א דענקמאל אויף דעם ארט וואו ער איז געפאלען, א הערליכען דענקמאהל א פראפאסיאנעלע און אלגעמיינע שולע, וואס וועט אויף אייביגע צייטען עדות זאגען וועגען דער גרויסקייט פון גייסט, פון די זיהן פון יודישען פאלק וואס וואוינען אויף דער פוילישער ערד.

דעם פראטעקטאראט איבער׳ן בויען דעם דענקמאל נעמט איבער דער מארשאלעק פון פוילען יוזעף פילסודסקי פרעזעס פון מיניסטעריען ראט און קריגס מיניסטער.

אין עהרען־קאמיטעט געהען אריין: וויצעמארשאלעק ביטנער סיים־דעפוטאט, ד״ר גומפאוויץ דעבראווסקי מיניסטער פון רעליגיע און עפענטליכע בילדונג, ס. א. הארטגלאס סיים - דעפ., ב. ליסאנאוסקי סענאטאר, סט. סטעצקי וויצע פיים־מארשאלעק, איגנאצי פיטלאקאווסקי קוראטאר פון לובלינער שול־קרייז, אנטאני רעמישעווסקי לובלינער וואיעוואדע, מיכאל סלאמינסקי זוקאווער סטאראסטא, יאן סטעצקי סענאטאר, יאן וואזשניצקי וויצע סענאט מארשאלעק, גראף ערהארד ושולמאווסקי נוט־בעזיצער.

ביי דער געלעגענהייט ווענדעט זיך דער רב פון דער יודישער קהלה פון דער שטאדט קאצק צו אלע יודען:

שטיצט אונטער אקטיוו די גרויסע זאך!
וואלאקעט נישט קיין געלד!

עס זאל נישט זיין קיין איין יוד וואס זאל נישט צוהעלפען צו דער גרויסער זאך, א דענקמאל פאר בערעק יאסעלעוויטש, דעם שטאלץ פון יודישען פאלק!

געדענקט אז דאס איז דער ערשטער דענקמאל וואס גאנץ פוילען שטעלט א יוד.

נעדבות פאדערען מיר אויף גיט וואס מעהר, כדי דער דענקמאל זאל זיין וואס הערליכער.

דאס פאדערט אונזער כבוד.

טראגט אריין דאס געלד אויף קאנטא פון פ. ק. א. 64532.

קאצק, אין יולי 1927.

דער רב פון שטאדט קאצק, ר׳ יוסף מארגענשטערן.

דער ועד פון דער יודישער קהלה: ר׳ משה דוד הײנבערג, ר׳ יעקב פארבעזאוקא, ר׳ אבא צאבעק, ר׳ שלמה מאפעל.

זאל דער אמת זיגען!

אזוי ווי זעליג העלפגאט טראכט אויף מיר אוים בלבולים, ער געהט שוין אזוי ווייט מיט זיינע אונפערשעהמטע שקרים צו זאגען אז ער האט מיך געגרופען לד״ת און איך בין נישט געקומען. ע׳כ לעג איך פאר די העתקה פון בעשטעטיגונגס־אריגינאל, לויט דעם קען מען שוין וויסען וויפיעל אמת ער זאגט אין אלגעמיין.

„כ״ה האמת ניתן לכתוב. איך שר׳ נתן חוינאצקי איני מסרב לבוא לד״ת אם אחד מוזמינו לד״ת יע״ז באעה״ח אייר ליום ג׳ פ׳ פנחס תרפ״ז לפ״ק פה טשענסטחוב״.

דער אריגינאל ליגט אין דער רעדאקציע „טשענסטאכאווער צייטונג״.

נתן חוינאצקי.

אונטער א גוואראנט
ברענגט אום קאראלוכעס און אלער־ארט ווערים נאר דער פראשעק
„MORANT“
צו בעקומען אין אלע אפטייקען און אפטייק־סקלאדעס.

Dr. med. Okulista - trachomatolog
JAN SKOTNICKI
ul. Panny Marji 20
Przyjmuje od 4—7.

קאפּ ווערטאג און ערשעפּינג
זיי אויך מאגען־פערדארבונג, לעבער־קראנקהייטען, נירען, גאל־שטיינער, רעוסאטיזם־אטרעטיום, העמארידען - ווערטאגען קומען אפט פאר צוליב דער שלעכטער שטאף־וועקסלונג און פעראונרייניגונג פון בלוט אין מענשליכען ארגאניזם.

Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera
ווירקען צו א גוטער שטאף־ענדערונג, ערוועקען צו עסען, רייניגען דאס בלוט און אלערערשט מאכען געזונד דעם מאגען און ברענגען צו א רעגולערער פונקציע פון דער לעבער און נירען, זאווי בעזייטיגען שטילגאנג.

Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera
בעזייטיגען פון ארגאניזם די נישט פערדייטע רעשטלעך, זיי אויך בעקעמפען דאס שטעקען זיך פון פערוועצונגען וואס איז גורם צו רעומאטיזם און אטרעטיזם.

Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera
בעזייטיגען און פערהיטען דאס שאפען זיך פון גאל־שטיינער און פערמילדערן די העמארידעי־שמערצען.

פרייז פון א האלב שאכטעל 1.50
א דאפּעלט שאכטעל 2.50 זל.
צו בעקומען אין אלע אפטייקען און אפטייק סקלאדעס.

קופאָן נר. 3
גורל פון די ביכער־פרעמיעס פאר יולי.

עס איז א זעלבסט־פערשטענדליכע זאך פאר וואס יעדע ווירטין פאדערט נור

דאס איז דערפאר ווייל די שמאקהאפטעסטע און אנגענעמסטע פוטער איז נור

„פאטאקאל"

„פאטאקאל"
דארף קיינער נישט פערגעסען ענטהאלט 100 פראצענט פעטס און איז פערזעהען מיט א הכשר

Przedstawiciel: I. Lewkowicz, Częstochowa, Narutowicza 15.

א הערצליכען מזל־טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען מיר אונזער ברודער יואל טויבענבלאט צו זיין פערלאבונג מיט קווינקע פרל. פעלא פרייערמויער.
יודל טויבענבלאט און פאמיליע.

Szkoła Rzemieślniczo - Przemysłowa dla Żydów
w Częstochowie
podaje do wiadomości. że rozpoczęły się zapisy do oddz.: ślusarsko-mech., elektro-mech. i stolarskiego.
Kancelarja czynna codziennie od 9 do 2.
Jednocześnie zawiadamiamy, że rozpoczęły się zapisy na Kursach Dokształcających dla terminatorów przy Szkole Rzemiosł.
Zapisy codziennie od 7 do 9 wiecz.

די נייע געעפענטע שנטל - ווטשטריי
אין טשענסטאכאו
ב. ווידמאן, קראקאווער 14 אדער אנראדאווא 29
מאכט בעקאנט אז זי נעמט אן צו וואשען און צו פלעטען אלערליי וועש הײלע און שמעסע.
אויך נעם איך אן צו נעהען אויבער - העמדער פאר פרוזאם־פערזענען און אויך אין געשעפטען אריין.
די ארבייט ווערט אויסגעפיהרט שנעל, רעיעל און מוסטערהאפט.
מיין אדרעס: ב. ווידמאן, קראקאווער 14 אדער אנראדאווא 29.

עס דארף געשאפען ווערען.

מיט צוויי וואכען צוריק האט זיך בעוויזען אין דער „טשענסטאכאווער צייטונג" א ארטיקעל אונטער'ן נאמען „זאל א סוף נעמען צו דער שנאָרעריי", אין וועלכען דער שרייבער בעהאנדעלט די פראגע וועגען דער אונטערטרעגליכער שנאָרעריי וואס האט זיך לעצטענס אויף א אונגעהערטען אופן פערשפרייט ביי אונז אין שטאָדט, און ער פראָיעקטירט אז מען זאל צוריק בעניייען דאס אמאָליגע „אָבּפערטיגעלער"ן אזוי פאר הינגע ווי פאר פרעמדע אָרימעלייט.

דאס דאָזיגע ארטיקעל האט געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף דער הינער יודישער געזעלשאפט, וועלכע הערט נישט אויף אונז אונאויפהערליך צו בעארבעטען מיט דער פראגע: וואס הערט זיך וועגען דעם פערגעשלאָגענעם פראָיעקט, און ווען וועט דאס אָדורכגעפיהרט ווערען?

מען קלערט אונז אויף, איבערהויפט וועגען עס די געוועלב-סוחרים, אז דאס שטענדיגע ארומגעהן פון אָרימע-לייט איבער זייערע געוועלבער, און נאכפאָהר די כלומר'שט „בכבוד'ע", וועלכע לאזען זיך נישט בעגיגען מיט עטליכע גראָשען נאר זיי פערלאנגען א „אָרענטליכע נדבה", אָט דאס שטערט זיי אין האנדעל, און פיהרט זיי פיעל מאָל ארויס פון געדולד.

זיי וועגען גרייט צו צאהלען א וואָכענטליכען אָדער א מאָנאטליכען ביי־טראג וואס זאל זיין פיעלפאך העכער ווי עס קאָסט זיי פאקטיש אבי אז זיי זאלען וויסען אז מען שטערט זיי נישט אין האנדעל, און זיי קענען רעדען מיט די קונים אָהן שטערונג.

דאס זעלבע זאגען אויך סהם מענשען וואס וואוינען אין פריוואטע וואוינונגען, אויך זיי וועגען גרייט גערן צו צאהלען דו זעלבע אָדער זאָגאר א גרעסערע סומע, און זיי זאלען נישט דארפען שטענדיג היטען זייערע טירי, דאָרען פאר גנבות, און אנדערע אונאנגענעהמליכקייטען וואס קומען ארויס צוליעב דו אָפטע אָרימעלייט.

עס קומען צו אונז אויך מענשען בעהאופטענדיג מהוער אויפ'ן פילאנטראָפּישען געביעט, וועלכע וועגען גרייט אויף זיך צו נעמען די שווערע און פעראנטוואָרטליכע ארבייט פון צו אָרגאניזירען אין אונזער שטאָדט אזא מין צדקת חברה, זאל דאס גערופען ווערען מיט וועלכען נאמען עס איז, וועלכע זאל האבען די אויפגאבע צו ע־לעדיגען די דאָזיגע אָנגעווייטאגטע פראגע.

מיר האלטען פאר גאנץ איבריג צו בעטאָנען די וויכטיגקייט און די נויטווענדיגקייט פון'ם אָרגאניזירען ביי אונז אין שטאָדט אזא אנשטאלט, וועלכער וואלט לויט אונזער מיינונג צופרידען געשטעלט נישט בלויז די נותנים, די הינגע בעלי בתים, נאר אויך אין א גרויסער מאָס די מקבלים, וועלכע וואלטען נישט געדארפט זיך אויסרייסען ווי פיס איף די הענכסטע שמאָקען וועגען דעם גראָשען.

איבערהויפט וואלט דאס געווען א זעהר גרויסע זאך פאר די אמת'ע בכבוד'ע געפאלענע פאמיליעס, וועלכע קענען ביי זייער גאנצער טראַגישער און פערצווייפעלטער לאגע פאָרט ביי זיך נישט פועל'ן אז זיי זאלען געהן איבער די היזער און ווען עס וועט זיין אזא אנשטאלט וועלען געמיס די דאָזיגע אמת'ע נצרכים אויף א געהעריגען אופן אונטערשטיצט ווערען, און אויב צוליעב דעם אליין זאל דער דאָזיגער אנשטאלט געשאפען ווערען איז נקוּם אויך שוין גענוג.

מיר גלויבען אז קיינער וועט נישט געפינען אז דער דאָזיגער אנשטאלט דארף אין אונזער שטאָדט נישט געשאפען ווערען און עס איז נישט קיין שום ספק אז ער וועט עגזיסטירען און וועט ערפילען זיין וויכטיגע אויפגאבע.

עס איז אָבער ריכטיג אזוי ווי דער שרייבער פון אויבענדערמאָנטען ארטיקעל האט בעמערקט אז די איניציאַטיוו דארף קומען מצד דער גמינה. די יודישע קהלה אלס אָזעלכע דארף אויף זיך נעמען די איניציאטיוו דעם דאָזיגען אנשטאלט איינצושטעלען און דארף זאָגאר פאר דעם צאָהלען בעשטימען א געוויסע סומע אלס שטענדיגע סובּסידיע כדי צו האבען דאס ערשטע נויטיגע געלד אויף צו אָרגאניזירען די אקציע ביז עס וועט אנהויבען איינצופליסען געלד און דער אנשטאלט וועט אנהויבען זיין טעטיגקייט.

עס הערט איצט אין דער גמינה בעהאנדעלט דער בודזשעט פאר'ן לויפענדען יאהר, דער פילאנטראָפּישער טייל פון בודזשעט איז דורכ'ן פּלענום נאָכנישט בעטראכט געוואָרען, זאל דאס דאריבער גענומען ווערען אין אכט און זאל מען זיך בעמיהען די דאָזיגע וויכטיגע זאך ביי אונז אין שטאָדט איינצופיהרען.

י. פ.

Perlmuttera Ultramaryna

jest bezwzględnie najlepszą i najwygodniejszą farbą do bielizny, wapna i celów malarskich.

Odznaczona na wystawach w Brukseli i Medjolanie złotymi medalami.

Wszędzie do nabycia.

אראב מיט דער מאסקע!

(נישט קיין ענטפער, נאר למען ידעו.)

דאס הינע בוילוש • יורישע געמען־בלעטעל האט זיך געפונען געטראָפען צוליעב מיינע ריכטיגע אָנמיינונגען וואָס דעקען אויף זיין אמת'ן פּרצוף, און רייסען איהם אראָב די מאסקע, און ער איז ארויסגעטרעטען מיט דו געמיינסטע נידערטרעכטיגסטע זלזולים, וואס זיין שמוציגע פעדער איז נאר אויסשטאנד אויפצוזריקען.

עס איז געחיים וועהר נישט אנגענעהם צו פיהרען פּאָלעמיק מיט אזא בלעטעל, וועלכעס קיין שום ערנסטער און אויפריכטיגער לעזער קען אין האנד נישט נעמען, און עס איז איבערהויפט אונטער מיין כבוד מיט איהם צו פּאָלעמיזירען און אידם נאך מאכען פּאָפּולער, וואָרום אנשטאט צו ענטפערן וואכליך אויף מיינע בעמערקונגען טרעט ער ארויס מיט שמוציגע זידלערייען, כדי צו פערטוישען די מוחית פון די לעזער און זאל מען מיינען אז ער זאגט עפּיס.

איבערהויפט איז עס פאר מיר נישט בעקוועהם אין דער צייט ווען איך האב דא צו טהון מיט א בלעטעל וועלכעס פיהלט נישט די מינדעסטע פעראנטוואָרטליכקייט פאר זיין שרייבען, וואס לייקענט אב מאָרגען דאס, וואס ער האט געשריבען נעכטען, און זיין אויפגאבע איז נאר צו שפּייזען זיינע לעזער מיט די ביליגסטע גאסען סענסאַציעס און באָבע־מעשיות, מיט שרייענדע נישטיגקייטען וועלכע מוזען ביי יעדען אנשטענדיגען לעזער ארויסרופען עקעל און אָגשט.

און איך האב מאקי געהאלט ארובערגעהן איבער זיינע זלזולים צום טאָג־אָרדנונג ווען נישט דאָס וואס עס קומען מענשען און דוקא רוהינע, ערנסטע און אויפריכטיגע און זאגען צו מיר: „אויב דו האסט אָנגעהויבען מאַרשטו זיך נישט אָבּרוקען, מוזטו איהם איינמאָל אראָבּרייסען די מאסקע און זאל מען פערשטעהן, אז דער וואָס וויל הייסען וועגען אלעמנאר נישט וועגען אמת, אז דער וואס זיין אויפגאבע איז בלאָף, און בלאָף, וואס האט אבסאָלוט נישט קיין זין פאר א עהרליך אויפריכטיג וואָרט, זאל נישט קומען צו אונז מיט זיינע „זשורנאליסטישע פליכטען", וועלכע ער קען בעסער אויסנוצען פאר זיינע נאַרישע סענסאציעס פון די פינסטערע פארקען.

א בלעטיל וואס דו מטבע איז ביי איהם דער אָנהויב און דער סוף, וואס איז גרייט צו „לעקען די הענד" (זיינע אויסדרוקען), היינט דעם וואס ער האט נעכטען בעליידיגט אָדער צו בעשמוצען דעם וועמען ער האט נעכטען תהלות ותשבחות געזינגען, אזא בלעטיל זאל אונז דערצעהלען וועגען „זשורנאליסטישע עליכמען" וואס וועגען גיבער נאר „קעסטענע פּליפּסען".

איך האב, דאכט זיך, גענוג אָפען ערקלערט, אז ווען ער זאל קומען מיט א וואכליכען און סאכליכען קריטיק וואלט קיינער צו איהם גאָרנישט געהאט, טראָץ וועס וואס דער וועלכער שרייבט וועגען אונז קיינמאל נישט קיין גוטעס, האט נישט דאס רעכט צו שרייבען קיין שלעכטעס, אָבער דאס וואס איך האב געזאגט אז וועגען יידען און די יודישע אינסטיטוציעס שרייבט ער אלס פּוילישע צייטונג נאר שלעכטעס, כדי אונז צו בעשמוצען און נעפונען לייטועליגקייט אין די אויגען פון זיינע קריסטליכע לעזער, אז דאס איז אמת און ריכטיג געהייזט דאך אונז מאקע גענוג בולט זיין לעצטער שענדליכער אָנפאל אין לעצטען ארטיקעל, וואו ער שרייבט:

„אין סוף פון זיין ארטיקעל דערלאָזט זיך „פרנס" פראָסט צו נידערטרעכטיגקייט. ער פערצייכענט מיט בלופר'שטער אויפרעגונג, אז דער פּוילישער לעזער אָדורכלעזענדיג אונזער קריטיק(!) זעט ארויספראַגען דעם איינדרוק אזוי ווי אין דער גמינע וואלטען פאָרגעקומען שווינדלען, אין דער צייט ווען „פרנס" ווייס דאך אז דארט וועגען פאָרגעקומען נישט קיין שווינדלען נאר גאנץ געוועהנליכע גנבות, מיר שפרעכען אוּסטער גנבות. און מיט וואס מהוט ער עפענטליך דאס אָבּלייקענען?"

איך פרעג:

צי קען נאך זיין א גרעסערע געמיינהייט ווי דאס? צי קען מען אויפהויבען דאס פנים און נישט רויט ווערען פאר חרפה ביי אזא מין פראָוואָקאטירען דעם כבוד פון דער קהלה, מאַכען פאר דעם פּוילישען לעזער?

אין דער גמינע, זאגט ער, זענען פאָרגעקומען נישט בלויז קיין שווינדלערייען, נאר מאקע פשוט גנבות. פון וועלכע איך ווייס גאנץ גוט. אָבער וואָסערע גנבות זענען דארט פאָרגעקומען? א בעשטימטער איז בעגאנגען מיסברויכען, ער האט זיך אפילו פערפּייניגט, אז עס זענען נישט געווען קיין מיסברויכען נאר פערנאכלעסיגונגען. אבער לאמיר אָננעמען מיסברויכען, וועלכע נישט קיינער נאר די גמינע אליין האט ענטדעקט און זי האט דעם גמינע־בעאמטען באלד אבגעשטעלט אין זיין אמט, נאכדעם ווי ער האט דעם שאדען געדעקט, און די גמינע־קאסע האט גאָרנישט געליטען.

די גמינע האט דאמאלס פון דעם קיין פּור נישט געמאכט, עס' וועגען וועגען דעם פערהאנדען די נויטיגע פּראָטאָקאָלען, און די טשענסט. צייטונג האט דאן אלס געגיי בעשריבען.

קען מען דאס אָגרופען אז אין דער גמינע וועגען פאָרגעקומען גנבות? טרעפען זיך נישט גנבות פון בעאמטע אין די גרעסטע און העכסטע אנשטאלטען, און וועט דען דער פּוילישער לעזער אָדורכלעזענדיג זיינע הערטער געשריבען מיט פעטע בוכשטאבען, אז אין דער גמינע וועגען פאָרגעקומען גנבות באמת נישט מיינען אז די קהלה־פערוואלטונג האט בעגנב'עט די יודישע געזעלשאַפטליכע געלדער?

איך האב שוין בעטאָנט, אז איך וויל בשום אופן נישט זאגען אז די קהלה - הירשפּאַט איז אין בעסטען אָרדנונג און מען דארף זי נישט קריטיקירען. דער בעסטער בעווייז איז אז דער קהלה־ראט וועלכער פאָדערט אונאויפהערליך פון דער פערוואלטונג אויסצובעסערען און פערפאָלקאָמען פיעל זאכען, וואס זיי געפונען פאר נויטיג, איז איצט ארויסגעטרעטען מיט זיין שארפסטען פּראָטעסט געגען דעם דאָזיגען בלעטעל. ווייל קריטיק האט איהרע ראהמען און איהרע ליניעס, קריטיק הייסט נישט אָנפאלען און זידלען נאר וואָלוך לאָגיש און אלוויטיג בעלייכטען און בעהאנדלען, וואס עס איז פרט, אפילו פאר א פריוואט פערזאָן.

די גמינע וועט נעהיום געפונען דעם ריכטיגען וועג צו פערטיידיגען איהר כבוד פון אזעלכע שענדליכע אָנפאלען, אויפהייזען די שקרים און פאלשקייטען פון די בלבולים, און וועגען די פערשוינען זייער פערדינטען פּסק.

און ווי עס הערט זיך זאל שוין אפילו ־אס בלעטיל אליין האבען געוועהען אז עס איז אריינגעקראָכען אין א מיאוסע בלאָטע, ער זאל שוין האבען חרטה אויף זיינע מעשים. און איז וועניגסטען צו דער גמינע זיך פערטיידיגען אז מען האט איהם כלומר'ש שלעכט אונפערשטאנען, און ער איז גרייט צו געבען די נויטיגע אויפקלערונגען און ערקלערונגען.

עס פרעגט זיך אָבער מאקי דערובער:

אז איז מען אזוי אונפערשטאנען, ליך! ווי אזוי שרייבט מען וועגען אזא אינסטיטוציע אזעלכע זלזולים נישט געפינענדיג פאר נויטיג זיך פריהער נעגויר צו בעקענען אויב זיי זענען אמת? האט ער דען געפּרובט קומען אין דער גמינע אין אויפקלערען די אלע זאכען? און צי וואלט מען איהם דאָרט נישט געגעבען די נויטיגע ערקלערונגען?

אבער ווי געזאגט, מען איז אויסען נאפּען־סענסאציעס, מען וויל זיך שעהן מאכען אין די אויגען פון'ם פּוילישען לעזער, מען וויל ווייזען אז מען איז א פּוילישע און נאר א פּוילישע צייטונג, און ווען עס האלט ביים זידלען און בעשמוצען דעם יודישען כבוד זענען אלע מ'מלען כשר.

א פרנס.

די עגונה. (11

א העכסט - אינטערעסאנטע געשיכטע פון די לעצטע יאהרען.

פון י. געלזאהן.

(פארטזעצונג)

לעתּו איז געוואָרען א מיסיאָנער, און מיט זיינע פעהיגקייטען האט ער באלד איבערגענומען די גאנצע תורה זייערע, זייענדיג א גוטער העבּרעאיסט און בעל־תנ"ך האט ער בעסער ווי אנדערע געקענט אויסטייטשען די פערשידענע רמזים זייערע, און איז באלד בעקאנט געוואָרען אלס איינער פון זייערע בעסטע רעדנער און אגיטאטאָרען.

זיין מאטעריעלע לאגע האט זיך אויך פיעל פערבעסערט, עס האט אידם קיין זאך נישט געפעהלט. און נאך עטליכע יאהר לייַדען אין מיין האט ער ערשט אָנגעהויבען פיהלען אז ער לעבט אויף דער וועלט.

10.

נאך איהר טויטערס טויט איז חנה'לע געבליבען עלענד און פערצווייפעלט, צוליעב די כסרר'דיגע פּאָגראָמען וואס וועגען אין שטעדטיל געמאכט געוואָרען דורכ'ן רוסישען מיליטער, איז די גאנצע יודישע בעפעלקערונג געוועזען ווי אויסגעשטאָרבען, ס'רוב יודען וועגען ענטלאָפען, פיעל וועגען געהרג'ט און בעראַבּעוועט געוואָרען, אויך דאס הויז פון חנה'לעס עלטערן איז אינגאנצען רואינירט און חרוב געוואָרען, אז זי האט נישט געהאט וואוהין צו געהן, און האט געמוזט בלייבען ביי באגראַנאָח'ן אין הויז די ערשטע טעג ביז זי וועט זיך בעטראַכטען וואס זי האט צו טהון און וואוהין זי זאל געהן.

באגראַנאָח האט זעהר גוט פערשטאנען חנה'לעס לאגע, און ער האט געפיהלט אז זי איז איצט אין אזא לאגע אז ער וועט מיט איהר קענען מאכען וואס ער וויל. אָבער ער איז געווען צוריקגעהאלטען, און זי נישט געוואָלט אויפרייצען באלד אין די ערשטע טעג ביז זי וועט זיך בערוהיגען פון איהרע שרעקליכע איבערלעבּנישען אין די לעצטע טעג פון וועלכע זי איז געווען פּאָלקאָם ערשיטערט.

זי האט גוט פערשטאנען וואס עס הייסט פאר א יודישע טאָכטער בלייבען וואוינען אליין ביי א פּריציר אין הויז, און זי האט געוואוסט אז זי איז מיט איהר עהרע יעדע מינוט ריזיקירט, אבער זעהענדיג ווי באגראַנאָח בעציהט זיך צו איהר ווי א אמת'ער אדעלסטען, האט זי זיך עטוואס בערוהיגט.

גאנצע טעג איז זי ארומגעגאנגען און געוויינט, נישט האבענדיג קיין שום ידיעה וועגען איהר מאן און פאטער, יעדען טאג האט זי באגראַנאָח'ן געבעטען אז ער זאל זיך בעמיהען צו בעקומען פון זיי א וועלכע ס'איז ידיעה אבער דאס איז געווען א אונמעגליכע זאך.

איינמאל האט איהר באגראַנאָח איבערגעבען אז אידם איז געלונגען געוואויר צו ווערען אז דער פּולק איז א לענגערע צייט געבליבען אין קיעוו, און ער רעכענט אויך צו פאהרען אהין ווייל מען פאָדערט איהם אויך צו קומען און זיך שטעלען צום אקטיווען דינסט און מעהר קען ער זיך שוין נישט אבשלעפען.

חנה'לע האט נישט געטראַכט אויב זי זאל זיין צופרידען מיט דעם וואס באגראַנאָח וועט אוועק פון דער שטאָדט, אין הארצען האט זי דאס זיך געוואונשען, אבער דאביי האט זי געפיהלט אז זי איז עלענד אויף דער וועלט און אויסער איהם האט זי קיינעם נישט די געדאנקען האבען זי אזוי שרעקליך געפייניגט, אז זי האט געקענט איינפאך משוגע ווערען.

דערווייל וועגען אוועק עטליכע וואָכען ווי זי האט אלץ געוואוינט ביי באגראַנאָח'ן אין הויז, דער מאיאָר האט איז] און איהר געוועהן שרעקליך פערליעבט האט שוין לענגער נישט געקענט זיך איינהאלטען, און ער האט בעשלאָסען ביי זיך מיט איהר צו רעדען אָפענע ווערטער.

וואָס קלערסטו וועטער צו טהון! — האט ער זי געפרעגט איינמאָל ווען זיי וועגען געוועזען אליין.

איין גאָט ווייס וואס איך קען טהוען — האט חנה'לע געענטפערט און הייסע טרעהרען האבען זיך געגאָסען פון די אויגען.

איך בעט דיך ווייַן נישט — האט באגראַנאָח זעהר הארציג געזאגט, ווייל מיט דעם ווייַנען צושטיינדסטו מיר דאס הארץ.

אָבער איך בין אזוי עלענד, אזוי אומגליקליך — מיט איינמאָל אלעס פערלוירען, מיין מאן, מיינע עלטערן, אונזער גרויס פערמעגען, פון אלעס איז א תל געווארען.

דערווייל בין איך דא — האט באגראַנאָח געענטפערט — און אזוי לאנג ווי איך לעב וועט דיר גאָרנישט פעהלען, איך בין מאיאָר אין דער רוסישער ארמעע, איך בין אויך פון דער היים זעהר רייך, מיינע עלטערן האבען אין מאָסקווע גרויסע גיטער און איך וועל זיך מיט דיר אלץ טיילען.

באגראַנאָח איז געווען א זעהר קלוגער און בערעכענטער מענש, ער האט גוט אויסגערעכענט אז חנה'לע איז איננאנצען אין זיינע הענד, זי קען פון איהם נישט אוועק, איבערהויפט צוליעב דעם אליין, וואס זי גלויבט אלץ אז דורך איהם וועט איהר גיכער געלונגען עפּעס צו ערפאהרען וועגען איהר מאן און פאטער. און דאריבער האט ער נישט געוואלט מיט איהר אויף איינמאל אלעס רעדען דעמאלט, ער האט דעם שמועס איבערגעריסען און דאס איבערגעלאָזט אויף א צווייט מאָל.

אזעלכע שמועסען האבען זיך צווישען זיי פיעלמאל איבערגעחזרט, חנה'לע איז געווען איננאנצען פונאנדערגעבראָכען און האט זיך געפונען אונטער זיין איינפלוס, זי האט גמעט נישט פערשטאנען וואס ארום איהר קומט פאר, און האט באגראַנאָח איז אויסען מיט זיינע גוטע און ליבענסווירדיגע ווערטער, זי איז געווען ווי איינגעשלאָפען, און זי האט זיך איינגעוואוינט צוגעוועהנט צו דער לאגע, נישט טראַכטענדיג וואָס שוין מעהר קיין עצה דאס צו ענדערען.

און ווען באגראַנאָח האט איהר איינמאל ערקלערט אז ער מוז אוועק קיין קיעוו, און אויב זי וויל קען זי מיט איהם מיטפאהרען, מעגליך וועט זי דארט קענען בעקומען וועלכע ס'איז ידיעה וועגען איהר מאן און פאטער, האט זי אויף דעם גאנץ גערן איינגעשטימט און חנה'לע איז מיט באגראַנאָח'ן געפאָהרען קיין קיעוו.

(פארטז. קומט)

וועגען אונזערע פאָלקס-שולען.

דער איצטיגער בילדונגס-מיניסטער דר. ראַבּרוצקי איז געווען אַזוי פריינדליך אויסצוהערען ביז'ן סוף מיין רעדע און סיים, וואו איך האָב מיט פאַקטען אין דער האַנד פאָרגעשטעלט דעם גאַנצען טרויעריגען מצב פון דער יודישער קולטור, דער עיקר פון בילדונג אין פוילען.

די עולות געגען אונזער גאַנצען שול-וועזען זענען אַזעלכע קלאָרע און בולט'ע דאָס מען קען זיך נאָר טאַפּען, ווי געשפּאַרבען, אָדער פאַר אַ נאָר און אַרונבערשפּרינגען איבער זיי אָדער אויסמיידען זיי; געגעבען אָבער אויף זיי אַנטהערליכע און אַ קלאָרע תשובה קאָן מען נאָך אויף איין אופן: מורה זיין זיך בפני כל עם ועדה, דאָס איך בין אין מיינע פּאַסונגען און פאָדערונגען איינגאַנצען גערעכט!

אַרויסזאָגען אַזאַ אמת האָט זיך ביז איצט קיין איין מיניסטער און קיין איין דעפּוטאַט, סיי פון רעכטס, סיי פון לינקס—נישט דערוואָגט!

ווי דרעהט מען זיך אָבער אויס? נאָר פּשוט, מען גיט אויסמיידענדיגע קלאָגענדיגע כלומרשט'ע תשובות, כדי אַרויסדרעהען זיך פון אַריינגעהן אין תוכן פון דעם ענין. דאָן געפינען זיך שוין יודישע עלעמענטען און נישט נאָר פון די מיניסטעריעלע פערפלוכטע יודעלעך, נאָר פון גאָר אַנ'אַנדער זייט, וועלכע קומען שוין צום מיניסטער און זאָגען איהם, אַז בלויז זייער שול איז אַנ'אמת יודישע שול. אויף מאָרגען קומען אַנדערע שול-פאָרשטעהער און זאָגען בפירוש אַז נאָר זייער שול איז די אמת'ע, ביידע צדדים דערווייזען זייער „אמת" מיט אותיות ומופתים...

נעהמים זענען אונזערע שול-צענטראַלעס פערדינסטפולע אינסטיטוציעס און נעהמים זענען זיי דערביי חוץ דער טובה פון שול גאָרנישט אויסען... אָבער, ווי באַמערקען זיי נישט, דאָס זיי עפּענען מיט זייער טאַקטיק דעם נאַציאָנאַלען פראָנט, פערבעטענדיג דעם מיניסטער צו דעם „דיחוקע עם אומפערע" (צו-טאַף און חערש!)

און דער מיניסטער ענטפערט אויף אָט אַ נאַרישע טאַקטיק: „איהר חולט נאָר אַ העברעאישע און איהר חולט נאָר אַ יודישע שול. טאַ פּראַוויגינט זיך אויף אַ פּוילישער".

נעהמים מאַכט זיך דער מיניסטער דערביי, אַז ער פערשטעהט דעם תוכן פון דעם ענין נישט; נעהמים מאַכט זיך דער מיניסטער דערביי דאָס ער וויסט נישט, אַז אונזערע שול-צענטראַלעס ביי אַלע זייערע גרויסע פערדינסטען האָבען קיין שום פּאָלימישע פאַרשטעהערשאַפט נישט!

נעהמים פערשטעהען אונזערע שול-צענטראַלעס נישט, דאָס דעם העברעאיש און יודיש מיזען מיר אויסקעמפען כלפי פנים; כלפי חוץ אָבער פיהרען מיר מלחמה נאָר מיט דער אסימילאַציע!

דער בילדונגס-מיניסטער מוז אָבער וויסען, אַז די ברייטע יודישע מאַסען זענען נאָרנישט אַזוי פאַנאַטיש צוריסען אין דער פראַגע פון העברעאיש אָדער יודיש, דערפאַר אָבער האַלטען זיי פאַר זייערע, יודישע, שולען נאָר די שולען מיט'ן לערן-לשון יודיש אָדער העברעאיש:

דאָס איז אונזער אַלגעמיין - יודישער שטאַנדפּונקט, פון וועלכען מיר וועלען זיך בשום אופן נישט לאָזען אַראָפּפיהרען!

די יודישע שולען — דאָס איז דער ווינקעלשטיין פון אונזער נאַציאָנאַל-קולטורעלער עקסיסטענץ; מיר קענען אָהן זיי נישט אויסקומען און וועלען קיינמאָל נישט אויפהערען צו פיהרען מיט אַלע מיטלען, וועלכע שטעהן אין אונזער רשות, דעם פערביטערטסטען און פער'עקשנ'סטען קאַמף פאַר אונזערע העברעאישע און יודישע פאָלקס-שולען

קודם כל! עפענטליכע רעכט מוזען מיר בעקומען פאַר די דאָזיגע שולען און אויסגעהאַלטען מוזען זיי ווערען פון מלוכה - אוצר, אַזוי ווי אַלע אַנדערע פאָלקס-שולען.

מיר, יודען, זענען אַ סך גרעסערע עקשנים, איידער די מיניסטערען! דאָס מעהר אונזערע פאָלקס - שולען וועלען פערארימט, אַלץ מעהרער וועלען זיי פאַר אונז אין אַלץ וועניגער וועלען מיר זיי לאָזען פאַלען! אָבער עס קען און מעהר דאַרף אַ מלוכה נישט פאָדערן פון וועלכען עס איז נאַציאָנאַלען קבוץ און דערצו נאָך פון אַזעלכען, וואָס פראַגט אויף זיך די גרעסטע שטייער-משא, דאָס ער זאָל צוויי מאָל צאָהלען פאַר אויסהאַלטען פאָלקס שולען! איינמאָל אַלס בירגער בכלל, און דעם צווייטען מאָל אַלס פאָלקס - אַנגעהעריגער.

דעפּ. י. ווינאָרסקי.

בריעף פון אנטווערפּען.

— II. —

לויט די אומשטענדען און לעבענס-בעדינגונגען פון די אנטווערפּענער יודען, האָבענדיג די אַבּסאָלוטע בירגערליכע און נאַציאָנאַלע רעכט און פרייהייט; ביי די גוטע ליבּעראַלע בעציאונג פון דער רעגירונג און געזעלשאַפט און ועל כלם, בעזיצענדיג די מטבעה; דאָס רוב אנטווערפּענער יודישע דיאַמאַנט-סוחרים זענען שטיין-רייך, האָבען געדאַרפט און געקאָנט געשאַפען ווערען די נויטיגע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע אינסטיטוציעס, ווי שפּיטאַל, עמיגראַנטען-היים, קיכען, קרעדיט-באַנק, שוהלען, פאָלקס-הויז און ביבּליאָטעקען, וואוינענדיג אין אַזאַ וועלט פערמשטאַרט ווי אנטווערפּען, וואו ס'קומען שטענדיג יודישע עמיגראַנטען פון דער גאַנצער וועלט, וואָס נויטיגען זיך אין הילף, מעדיציניש און יורידישע שטיצע א. א. וו. די אנטווערפּענער יודען האָבען געדאַרפט און געקאָנט זיין אַ מוסטער פון שאַפען קולטורעלע און סאָציאַלע ווערטען פאַר זיך און פאַר די קומענדיגע דורות, ווען נישט אָט אַ דער „מיקראָב" פון „שנאת חנם" און פּירוד הלבבות, וואָס פרעסט אונז אויף, און מאַכט אונז קליינליך, נידריג און טעטיגקייטס לאָז.

* * *

די גאַליציאַנער יודען וואָס זענען דער רוב מנין ובנין פון אנטווערפּען, וועלען איידער טהון אַלעס און דער וועלט, זיי וועלען אייך ווייזען וואו צו געהען, זאָגען וואו שפעט ס'איז, באָרגען אפילו — אַ טלית ותפלין, מיתר זייענדיג דערביי אויפ'ן געוועהנליכען סקאָרבּאָטען: „וואָס וועלעך האָבּ'ן רעפון"... זיי וועלען איידער אפילו ווייזען און העלפען פיהרען אין באַר אַריין... נאָר — דאַווענען, זיין צוזאַמען אין איין קהלה, אויף איין בית החיים מיט פּוילישע, אונגאַרישע און רוסישע יודען דאָס — לא! דאָס קאָנט איהר ביי זיי נישט פועל'ן, און אַזוי זענען די ענטשטאַנען צוויי געמיינדעס „מחזיקי הרת" (מיט אַ אגודה'שען ביינעשמאַק) מיט אַ איינענע שוהל, מקוה, בית-עולם, מיט אַ אַלט - פרענקישען רב, און תלמיד תורה פון די אַמאָליגע אמת'ע מעגדעלע מוכר ספרים'ס מיטען, ווי העברעאיש און ציון איז טריף און ס'גילט די שיטה פון „עברית בלעטיס"... און שומרי הרת" (מיט אַ מזרחי בעפאַרבונג) מיט'ן בעוואוסטען גראַיעווער רב עמיאל בראש, זיי האָבען אויך אַ איינענע שוהל, העברעאישע שולע, תחכמוני, שוחטים, קצבים, יאַטקעס א. ד. ג.

אָט די צוויי בעזונדערע געמיינדעס וואָס האָבען וועלטען אַ בייטפּיעל ביי יודען אין אַלע גלות'ן, וואָס פיהרען שטענדיג צווישען זיך פערביטערטע און אָפענע מלחמות, אַז וואָס ביי דעם איז כשר און ביי דעם צווייטען טריפה,

אָט אַ זוי, די מחזיקי און שומרי הרת מאַכען דאָס אנטווערפּענער יודענטום פאַר איברים המדולדלים, צוריסענע, אָבּגעזונדערטע ברוגז'דיגע גלידער, אָהן מינדעסטע פערשטעהערשאַפט כלפי פנים און מכל שכן כלפי חוץ, און דאָס שטערט די נאָרמאַלע ענטוויקלונג פון יודישען לעבען," פון דער יודישער יוגענד, לאָזט נישט שאַפען קיין זאַך, קיין אַנשטאַלט וואָס זאָל טראָגען אַ אַלגעמיין יודישען כאַראַקטער, וויל עס הערשט ביי אונז די קללה פון שנאת חנם.

* * *

אָט אַ דאָס איז דאָס רויטינסטע און בילט'סטע בילד ווי אַזוי מיר יודען בויען זיך נעסטען, שאַפען זיך ישובים און הייאַמטען אין — גלות... אפילו אין אַזאַ גוט גלות ווי ס'איז בעלגיע, און אפילו אין אַזאַ עקם פרומע יודישע שטאָדט ווי ס'איז אנטווערפּען, דאָס ירושלים דבעלגיע.

חיים לוסטיגער.

אנטווערפּען, תמוז, תרפ"ז.

די גוטע און שלעכטע זייטען פונ'ם נייעם אינדוסטריע-געזעץ.

פון ג. אדוו. א. ציממערמאן.

דאָס אַרטיקעל 198 פון געזעץ האָט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר'ן האַנדווערקער, דאָ ווערט פעסטגעשטעלט דער פּרינציפּ, אַז די ערוואַרבענע רעכט פאַר אַרבייט בלייבען אונבערוהרט און ווערען נישט אָבהענגיג פון די קוואַליפיקאַציעס פון האַנדווערקער. די קאָמונאַלע מאַכט וועט אָבער מוזען בעשטעטיגען, אַז דער האַנדווערקער האָט זיך שוין ערוואָרבען דאָס רעכט צו פיהרען אַ זעלבסטשטענדיגע אַרבייט דורך דעם, וואָס ער האָט, אָדער דאָס אינדוסטריע - געזעץ איז אַריין אין קראַפט, געפיהרט אַ זעלבסטשטענדיגען ווערקשטעל און האָט אויסגעקויפט אַ פּאַטענט פאַר'ן 1927 יאָהר. דורך דער קלאַוזעל פון פאַרציינען אַ פּאַטענט פאַר'ן יאָהר 1927 דראָהט אַ געפאַהר די קליינע האַנדווערקער, וועלכע אַרבייטענדיג אַליין, האָבען נישט אויסגעקויפט קיין פּאַטענט.

אויף אַ קאָנפערענץ פון די האַנדווערקער-פאַרשטעהער מיט'ן פאַרשטעהער פון דער אינדוסטריע - אָבטיילונג ביי דער וואָיעוואָדשאַפט, וואָס דער פאַרבער פון די שורות אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דאָס אינדוסטריע - געזעץ האָט אַלס ציל געזוכט צו מאַכען דעם פּראָפעסיאָנעלען מצב פון האַנדווערקער און קען זיך נישט רעכענען מיט דעם פיסקאַלען פּרינציפּ פון אויסקויפען פּאַטענטען; אַז גרויסע מאַסען יודישע האַנדווערקער וועלטען אַזוי אַרום בעזייטיגט געוואָרען פון זעלבסטשטענדיגער אַרבייט, דערפאַר בלויז, ווייל זיי האָבען נישט קיין פּאַטענטען, און דאָס וועלט נישט נאָר אונטערגעגראַבען די עקזיסטענץ פון ברייטע שיכטען פּראָדוקטיווע האַנדווערקער-ווערקשטעלען, נאָר וועלט אויך געווען געגען דעם הויפּט - פּרינציפּ פון געזעץ, אַז דאָס ערוואַרבענע רעכט צו אַרבייט קען נישט אָפּגענומען ווערען.

מיר האָבען בעקומען אַ פערזיכערונג, אַז די אדמיניסטראַטיווע מאַכט פון דער צווייטער אינסטאַנץ וועט אויפמערקזאַם מאַכען אין מיניסטעריום, אַז די אויספיהרונגס - כללים זאָלען זיך רעכענען מיט דעם אַרויסגעזאָגטען מאָטיוו פון די האַנדווערקער-פאַרשטעהער.

* * *

ביים אַרויסגעבען בעשטעטיגונגען, אַז דער האַנדווערקער האָט געפיהרט אַ זעלבסטשטענדיגען ווערקשטעל איידער דאָס געזעץ איז אַריינגעטרעטען אין קראַפט, וועט דער מאַגיסטראַט אַלס אינדוסטריע-מאַכט פון דער ערשטער אינסטאַנץ פאַר פערשטענדליך מוזען אַרויספיהרען אַ קאָנטראָל, אָדער דורך דער פּאָליציי, אָדער דורך ספּעציעלע קאָנטראָלערען, וועלכע וועלען זיך רעכענען מיט עדות, ווי צ. ב. מיט דעם ווירט, אָדער סטרוזש. אַזוי אַרום וועט די עקזיסטענץ פון אַ האַנדווערקער-ווערקשטעל זיין אָבהענגיג פון אַ גירינגען אדמיניסטראַטיווען פונקציאָנער, אָדער נאָר פונ'ם ווירט, צי פונ'ם סטרוזש...

די בעציהונגען פון ווירט צום לאָקאַטאָר געבען ליידער נישט קיין גאַראַנטיע, אַז די בעשטעטיגונג וועט אויספאַלען גינסטיג. מיר האָבען דערום אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ביים אַרויסגעבען בעשטעטיגונגען זאָל זיך דער מאַגיסטראַט רעכענען מיט די „זאַשווידטשעניעס" פון האַנדווערקער-צענטראַלעס, אַז דער בעטרעפענדער האַנדווערקער האָט געפיהרט אַ זעלבסטשטענדיגען ווערקשטעל פאַר'ן איינטרעטען אין קראַפט פונ'ם אינדוסטריע-געזעץ. — נור די האַנדווערקער-צענטראַלעס, וועלכע געניסען פון צוטרויען פון דער מאַכט און פון ברייטע שיכטען פון האַנדווערקער-מאַסען, זענען בערופען אַרויסצוגעבען רעקאָמענדאַציעס, וועלכע זאָלען רעצידירען וועגען דער עקזיסטענץ פון די האַנדווערקער-ווערקשטעלען.

די האַנדווערקער-מאַסען דאַרפען אָרגאַניזירט קומען, אַז דער אַרויסגעוואָנטער פּרינציפּ זאָל אַדורכגעפיהרט ווערען און די אויספיהרונגס - כללים, וועלכע דאַרפען ערשט אַרויסגעגעבען ווערען.

דאָס אינדוסטריע געזעץ פיהרט אַדורך דעם פּרינציפּ פון פרייע האַנדווערקער-קאָרפּאָראַציעס אַזוי גערופענע צ ע כ ע ן, דער דאָזיגער פּרינציפּ שאַפט אָב די אַלטע אינסטיטוציע פון צעכען און שטעלט אַוועק די מאָדערנע קאָאָפּעראַציע אין'ם צענטער פון די געגענזייטיגע בעציהונגען צווישען האַנדווערקער און אַרבייטער.

לויט'ן אַרטיקעל 70 פונ'ם געזעץ, האָבען די קאָרפּאָראַציעס דעם ציעל:

1) אויפצוהויבען די פּראָפעסיאָנעלע איינינקייט צווישען זייערע מיטגלידער, 2) זאָרגען פאַר די גוטע בעציהונגען צווישען אַרבייטס-געבער און אַרבייטס-נעמער, 3) זאָרגען פאַר אַ גוטער אויסבילדונג פון לערן-יונגלעך.

דאָס געזעץ בעשטימט אין אַרטיקעל 169, אַז זעלבסטשטענדיגע האַנדווערקער מעגען זיך פעראייניגען אין פרייע צעכען אויפ'ן גרונד פון אַ סטאַטוט, וואָס דאַרף ווערען בעשטעטיגט דורך דער וואָיעוואָדשאַפט.

וועגען די אויפגאַבען פון די צעכען מוז איך צוגעבען, אַז דער בוי פונ'ם פרייען צעך איז אַ זעהר אָרגינעלער, דען דאָס געזעץ זעהט פאַר די מיטאַרביים און צעכען פון האַנדווערקער-געזעלען, וועלכע בילדען ביים צעך אַ „ווידזיאַל טשעלאַדניקוב", — די געזעלען זענען פערטרעטען אין צעך לויט דער פּראָפּאָרציע פון 1 געזעלען אויף 5 מייסטערס און נעמען אנטייל אין דער אַרבייט פון צעך.

די פּוילישע האַנדווערקער וועלען מוזען נישט נאָר איבערטראַכטען זייערע צעך-סטאַטוטען, נאָר אויך צופּאַסען זיך מיט זייער פּאָליטיק צום נייעם געזעץ, צו דעם פּרינציפּ, אַז די אַרבייט מוז זיין פריי פאַר יעדען בירגער.

וואָס געהערט, וואָס געזעהען.

נישט קוקענדיג דערויף וואָס מיין פערצייכענען דאָס וואָס כ'האָב „געהערט און געזעהן" פערשאַפט ביי פיעל מענשען און געזעלשאַפטען אַבּיסעל בייז בלוט, וויל איך טראָג אַרויס פאַר דער גאַס דאָס וואָס עס קומט פאָר ביי זיי בחדרי חדרים, וועל איך אָבער ווייטער ערפילען מיין חוב און איך וועל ווייטער אָהן רחמנות פערצייכענען דאָס וואָס איך הער און זעה, אַזוי דאָס גוטע ווי דאָס שלעכטע.

היט מיך גאָט פאַר מיינע פריינד, פאַר מיינע פיינד וועל איך זיך אַליין היטען.

דאָס איז שוין אַ אַלטער כלל, אַז דער ערגסטער פיינד קען נישט טהון דאָס, ווי דער וואָס שטעלט זיך דיר פאַר אַלס דיין פריינד, וואָס וואַרנט פאַר דיר און וויל דיך זעהען גאָר גליקליך, אַה, דאַמאָלס היט זיך פאַר איהם, אַז בעת ער נעמט דיך אַרום זאָל ער דיך פאַר גרויס ליבשאַפט נישט ווערגען.

אונזער דיכטער פּרץ האָט דאָס הערליך כאַראַקטעריזירט אין זיין „פּריימע קאַץ", ווי די בעל - רחמנות'דיגע קאַץ האָט פאַר גרויס ליבשאַפט צוקוועטשט דאָס זינגענדע פייגעלע...

מיט אונזער פּויליש-יודישען (רחמנא לצלן) רעדאַקטאָר איז דאָס זעלבע. אַ ראַיהע יאָהרען איז אויף די שפּאַלטען פון זיין צייטונג נישט געהען דערמאָנט קיין איינציג וואָרט, וועלכעס זאָל וואַרפען אַ חשד, אַז זי האָט עפּיס אַ שייכות צו יודען און יודישקייט. פּערקעהרט, דער יודיש-פּוילישער רעדאַקטאָר האָט זיך בעמיהט צו געבען דער צייטונג אַ ריין-פּוילישען כאַראַקטער, ער איז גרייט געהען דורכ'ם צו זיין יעדען איינעם וואָס וועלט איהם געגעבען אַ אָנצוהערעניש אַז ער איז אַ ווישלאַק. ווארום ווען די אמת'ע גוים האָבען זיך גענומען צו יודישע זאַכען, האָט אונזער רעדאַקטאָר אַלץ זיך געהאַלטען ביי זיין מעטאָדע. מסתמא האָט דאָס געלוינט צו זיין געשעפט...

פּלוצים האָט זיך אויף די שפּאַלטען פון דער צייטונג אָנגעהויבען צו בעהאַזען אַרטיקלען וועגען ריין - יודישע ענינים, וועגען דער יודישער קהלה, וואו ער נעמט זיך אָן די „עולה" פון דער יודישער בעפעלקערונג, מוסר'ס און גיט עצות ווי אַזוי מען זאָל עס אויסבעסערן (ווי אַ קאָמיסאַר). מענה איך אַז אויב ער איז געוואָרען אונזער גוטער פריינד, אויב ער נעמט אונז אַרום מיט ליעבשאַפט, דאַרף מען זיין וועהר פאָרזיכטיג און איהם זאָגען: העגר! מוחל דיינע טובות! וואָרום עס איז אַ סכנה ער זאָל נישט בענוצען דיזעלבע ליעבשאַפט פון יענער קאַץ, וואָס דערשטיקט דאָס זינגענדיגע פויגעלע.

היט אונז גאָט פאַר אַזעלכע פריינד, פאַר אונזערע פיינד וועלען מיר זיך שוין אַליין היטען.

גאָט גיב אַ רעגען פאַר די קליינע קינדער וועגען.

דאָס קינדער-ליעדעל איז מיר געקומען אויף דער מחשבה ווען איך האָב בעזוכט די האַלבע קינדער - קאָלאָניע, וואָס עס האָט אָרגאַניזירט די געזעלשאַפט „טאָז".

דער סעקרעטאַר פון „טאָז" האָט מיך איינגעלאַדען איך זאָל בעזוכען די האַלבע קאָלאָניע, האָב איך זיך געטראַכט וואָס וועל איך דאָרט זעהען אַז סך-הכל איז די קאָלאָניע אין וואָרושען שפּיטאָל, קיין וואַלד איז נישטאָ, וואָס איז דאָרט פערהאַן צו זעהען? מיין נייגיריגקייט האָט אָבער גובר געווען, איך האָב מיטגענומען מיט זיך מיינעם אַ פריינד און מיר זענען געגאַנגען.

אין יודישען שפּיטאָל, אין דער געוועזענער אָבטיילונג פאַר משוגעים זענען פערהאַן עטליכע צימערען וואו 103 יודישע קינדער פערנעמען פּלאַץ פאַר זייערע אויבער-בגדים (מחמת זיי שלאָפען אונטערהיים). איבער דער גאַנצער לענג פון קאָרידאָר שטעהען לאַנגע טישען וואו מען עסט, עס איז דאָרט פערהאַנען אַ וואַש-צימער מיט אַ ברושניק, וואו די קינדער וואַשען זיך, אַ אַמבולאַטאָריום אונטער דער השגחה פון דר. פּראַפּאָרט וואו מען גיט אַכטונג אויף די קינדער און מען בעוואָרנט זיי מיט מעדיצינישע הילף און איינשפּריצונגען.

דער פּלאַץ וואו די קינדער פערנעמען איז אַ שטח פון עטליכע מעטער, פערוואַקסען מיט גראָז, אויך געפינען זיך דאָרט עטליכע סאָסנאַרטע ביימלעך. מיט די קינדער פערנעהמען זיך 3 יודישע לעהרערינס, 2 פון זיי לעהרערינס פון די פּרץ-קינדערהיימען, מען זינגט מיט די קינדער יודישע פאָלקס-לידער און עס קלינגען וועלט איבער'ן פּלאַץ פון יודישען שפּיטאָל. די הערליכע שטימעלעך פון אונזערע משה'לעך, שלמה'לעך מיט זייערע פאָלקסטימליכע מעטיחען.

קינדער וועלען פערהאַנגען פון מחזיקי הרת, פּאַחשעכנע, פאָלקס-שולען, קינדערהיים און פון פריוואַטע חדרים. מתחלת האָבען זיי זיך געפיהלט פרעמד ווארום די מעטאָדען פון דער ערציהונג זענען געווען פערשידענאַרטיג, נאָר נאָך עטליכע טעג צוזאַמענלעבען זענען זיי געוואָרען היימיש און אַלץ מישט זיך אויס אין אַ קאַראַהאָד, אַלץ זינגט, טאַנצט און שפּילט זיך צוזאַמען.

דער פּראָגראַם פון טאָג ווערט אויסגעאַרבייט דורך די 3 לעהרערינס וועלכע בעמיהען זיך אַז די קינדער זאָלען זיך נישט לאַנגווייליגען און איך האָב טאַקע געטראָפען די קינדער אין אַזאַ צושטאַנד אַז איך האָב זיך פּשוט נישט געקענט אָבריסען פון מיינע קליינע ברידערלעך און שוועסטערלעך, פון

ווי פֿערהיט מען זיך פֿאַר זומער-קראַנקהײַטען.

זומער-אינפֿעקציעס.

פֿיט'ן אָנקומען פֿון זומער דאַרף מען מיט אַלע מעגליכקײַטען זיך זע-הען אָבצוהיטען פֿון די קראַנקהײַטען, וואָס ווערען אַרויסגערופֿען דורך די היצען.

יעדע צײַט פֿון יאָהר האָט זיך איה-רע קראַנקהײַטען.

אין הערבסט און ווינטער קומען געוועהנליך פֿאַר קראַנקהײַטען פֿון די אָטעם-אָרגאַנען, בראָנכיטען, לונגען-אָנ-צינדונגען. טרעפֿען זיך עפֿטער אין די קעלטערע צײַטען פֿון יאָהר, בעת אונ-זערע לונגען קיהלען זיך אָב און ווע-רען א ראַנק דעם צומיטליך פֿאַר די ווייניגע מיקראָבען, וואָס ענטוויקלען זיך גראָד שטאַרק אין די דאָזיגע אָר-גאַנען.

זומער-צײַט, פֿערקעהרט, קומען פֿאַר דאָס רוב מאָגען און געדערים-קראַנק-הײַטען. די מיקראָבען, וועלכע רופֿען אַרויס די דאָזיגע קראַנקהײַטען, ענט-וויקלען זיך זומער לײַכט אין די שפּײַז-פּראָדוקטען, וואָס ווערען פֿערדאָרבען פֿון די היצען און פֿעראומרײניגט פֿון די פֿליגען. דאָס גלײַכען ענטוויקלען זיך די מיקראָבען אין וואַסער, וואָס ווערט פֿעראומרײניגט דורך די שמוץ און אָבפֿאַלען, וועלכע ווערען אַרײַנגעפֿיהרט אין די טײַכען און ברונעמער אויף פֿערשידענע אופֿנים. זומער-צײַט ווערען די שפּײַז-פּראָדוקטען גיכער פֿעראומ-רײניגט און קאַליע. אין די היצען האַלט מען זיך דאָך נישט אײַן פֿון טרינקען רויהע וואַסער. און אָט דורך די פֿעראומרײניגטע און נישט פֿרישע עסענוואַרג, דורך די רויהע וואַסער ווערען זומער-צײַט אַרויסגערופֿען די פֿערשידענע מאָגען און געדערים-קראַנק-הײַטען.

מען טאָר נישט טרינקען קיין רויהע וואַסער.

רויהע וואַסער קען אין זיך ענט-האַלטען די מיקראָבען פֿון טיפֿוס, די-זענטעריע און כאָלערע. די דאָזיגע מי-קראָבען ווערען אַרײַנגעבראַכט אין וואַ-סער דורך די שמוץ און אָבפֿאַלען וואָס קומען אַרײַן אין טײַך דורך די אַלע רינשטאָקען. אין א ברונעם קענען אויך אַרײַנדרינגען די מיקראָבען, אויב דער אינעווייניגסטער געשטעל איז נישט גאַנץ און נישט גוט צוגעדעקט. דער עיקר אָבער זענען איבערפֿולט מיט מיקראָבען די טײַך-וואַסערען אין די גרויסע שטעדט, וואו ס'איז נישטאָ קיין קאַנאַליזאַציע, און די שמוץ פֿון דער גאַנצער שטאָדט פֿאַלט אַרײַן אין טײַך. דעריבער דאַרף יעדער וויסען אַז מ'טאָר בשום אופֿן נישט טרינקען קיין רויהע וואַסער. דאָס וואַסער צום טרינקען דאַרף זײַן געקאָכטע און געהאַלטען ווערען אין א פֿערמאַכטער כלי.

מען דאַרף געברויכען בלויז פֿרישע שפּײַז-פּראָדוקטען. זומער-צײַט קומען גאַנץ אָפֿט פֿאָר פֿערגיפֿטונגען דורך שפּײַז, וואָס קומען פֿון געוויסע מיקראָ-בען וועלכע געפֿינען זיך אין די עסענ-וואַרג.

איבערהויפּט ענטוויקלען זיך גיפֿ-טיגע מיקראָבען אין שפּײַז, וואָס ליגט לאַנג, א שטײַגער אין וואורשט, אין קאָנסערווען א.ד.גל. נישט קיין פֿרישע פֿיש, פֿערלעגענע סאַלאַט אָדער אײַ-קרעם (לאָדי, מאָראָזשענע) קענען אָפֿטמאָל אויך זײַן די סבה פֿון פֿער-גיפֿטונג.

די פּראָדוקטען ווערען דאָס רוב פֿערשמוצט דורך פֿליגען. דעריבער מוז מען פֿערהיטען די שפּײַז-פּראָדוקטען פֿון פֿעראומרײניגונג דורך אינזעקטען און מען דאַרף געברויכען בלויז פֿרי-שע פּראָדוקטען, וואָס ווערען צוגע-גרײט אָדער געקאָכט פֿאַר יעדען מאָל עסען.

מען דאַרף וואַשען די הענד פֿאַר'ן עסען.

און עסענוואַרג ווערען די מיקראָבען פֿערטראָגען אויך דורך אומרײניגע הענד. אויף אונזער הויט קלויבען זיך גע-וועהנליך אָן זעהר פֿיעל מיקראָבען, דער עיקר אויף דער הויט פֿון די הענד. וואָס ווערען פֿעראומרײניגט פֿון פֿערשידענע אַרבײַט, פֿון געבען די הענט, פֿון האַלטען די ריסמעג'ס אין טראַמוואַי, די פּאַרענטעשען אויף די טרעפּ, א. ד. גל. דעריבער דאַרף מען געדענקען, אַז מען מוז נאָך יעדער אַרבײַט, נאָכ'ן האַלטען א וועלכען עס איז געגענשטאַנד אין דער הענט, נאָכ'ן זײַן אין קלאָזעט, אומבעדינגט וואַשען די הענד מיט זײַף. איבערהויפּט איז וויכטיג צו וואַשען די הענד מיט זײַף פֿאַר'ן עסען און טרינקען.

דורך אָבהיטען די דאָזיגע כללים קען מען זיך אַם בעסטען פֿערהיטען פֿון די געפֿעהרליכע זומער-קראַנקהײַטען.

פּראָפֿ. זאַבאָלאָטני.

רייזע נאָטיצען.

„וויטשעטשקעס".

ווי נאָר איך בין אַרויסגעקומען אויפ'ן פּעראָן ווען דער צוג נאָך קראָקא איז אָנגעקומען, האָבען זיך געוואָרפֿען אין די אויגען די אויפֿשריפֿטען אויף די וואַגאָן-פֿענסטער „פֿערנומען — ווי-טשעטשקא" — דאָס הייסט אַז אין דעם וואַגאָן קענען קיין פּריוואַט-פּער-זאָנען נישט אַרײַנגעהן ווײַל ער איז פֿערנומען מיט שול-קינדער וואָס פֿאָה-רען אויף א אויספֿלוג.

און אַזוי איז דאָס געווען נישט אויף איין וואַגאָן נאָר כמעט אויף אַלע וואַ-גאָנען דריטע קלאַס, און דעריבער זע-נען טאַקי די פּריוואַט-פּערזאָנען אַרומ-געלאָפֿען פֿון איין וואַגאָן צום צווייטען זוכען א אָרט, און זיי האָבען זיך גע-מוזט אַרײַנפּאַקען ווי די נענו, און דער רוב פֿון זיי האָט טאַקי געמוזט זיך ווענדען צום קאָנדוקטאָר אַז ער זאָל זיי געבען א אָרט אין א וואַגאָן צווייטע קלאַס, וועלכעס פֿערשטענדליך פֿאַר דער געהעריגער צוצאָהלונג מיט שטראָף וואָס קומט „פֿאַר'ן מעלדו-נעק".

צווישען די לעצטע בין איך אויך געווען, איך בין אַרײַן אין א וואַגאָן צווייטע קלאַס, אין האָב דאָרט געטראָ-פֿען א עלטערן קריסט, מיט א יונגע קריסטין, און צוויי יודען א מאַן מיט א פֿרוי, צוזאַמען 4 פּערזאָן, און מיט מיר פֿינף פּערזאָן, און א קופּע וואו ס'זענען פֿערהאַנען פּלעצער פֿאַר 9 פּערזאָן.

ווען כ'בין נאָר אַרײַן האָב איך שוין באַמערקט אַז דער קריסט נעמט צו-נויף די זאַכען, מאַכענדיג דערבײַ א זעהר זויערע מינע, און ווירקליך האָט ער זיך אָנגעטהון דעם מאַנטעל, גענו-מען זײַנע זאַכען און זיך געלאָזט אַ-רויסגעהן פֿון וואַגאָן, ווען ער איז פֿער-בײַגעגאַנגען מיר און געזאָגט „פּשע-פּראַשאַם". האָב איך איהם געזאָגט א ברייטען „פּראָשע", וואָס האָט געקלונ-גען אָנצוהערען, אַז דו קענסט דיר געהן אויב די יודישע געזעלשאַפֿט איז דיר נישט ליעב, און ער איז געגאַנ-גען...

די קריסטין איז געבליבען, עפּיס האָט זי זיך נישט בעצײַטענס געניטען צו פּאַקען איהרע זאַכען, זיך אָנצו-טהון דעם הוט מיט'ן מאַנטעל, און אײַדער וואָס ווען האָט דער צוג אָנ-געהויבען ריהרען און זי האָט נעביך געמוזט בלײַבען צווישען די „זשידעס".

האָט זי אָבער בעשלאָסען זיך אין אונז נוקם צו זײַן אויף א אָריגינעלען אופֿן, און ווי נאָר דער האָט אָנגעהוי-בען ריהרען, און דער יוד האָט א-רויסגענומען א פּאַפּיראָס צו פֿערריי-כערן, האָט זי געמאַכט א געוואַלד:

„פּראָשע ניע פּאַלימש, מאַ וואַגאָן דליא ניעפּאַלאָנציך" — פּאָטש בײַדע פֿענס-טער זענען געווען אָפֿען.

דער יוד האָט נעביך בחרפּותנו גע-מוזט אַרויסוואַרפֿען די פּאַפּיראָס דורכ'ן פֿענסטער און די קריסטין האָט טריומ-פֿירט.

מען פֿאָהרט אָב א שטיקעל וועג, די קריסטין הילט זיך אין מאַנטעל און לעגט זיך שלאָפֿען, דער יוד נעמט אַרויס א פּאַפּיראָס און וויל אין דער שטיל פֿעררויכערן, אָבער ווי נאָר ער רעכט אָן א זאַפּאַלקע וואַכט זיך די קריסטין אויף אַזוי ווי מען וואָלט זי אָנגעבריהט, מיט א געוואַלד: צאָ פּאַן ראָביִ? פּשי מעם וואַגאָנש קאָנ-דוקטאָראַ? און דער יוד מוז ווידער אַוועקוואַרפֿען די פּאַפּיראָס, אָדער א-רויסגעהן אין קאָרידאָר.

ער וויל נישט געהן אין חדר.

כ'האָב זיך אין מיטען וועג אַרײַנ-געפּאַקט אין א וואַגאָן דריטע קלאַס א קוק טהון וואָס הערט זיך דאָרט, דער קאָנדוקטאָר האָט דאָרט „אײַנקוואַ-טירט" עטליכע פּריוואַטע פּאַסאַזשירען צווישען די אויספֿלוג-פֿאָהרער, איך דערקען דאָרט א יודישע חסידישע פֿרוי, דאַכט זיך א מאַמע פֿון 7—8 קינדערלעך, וואָס פֿאָהרט מיט איהר'ס א יונגעל און זי רעדט צו איהם דוקא פּויליש, און ער צו איהר יודיש.

זי קניפּט איהם, און ווינקט צו איהם מיט די אויגען אַז ער זאָל רעדען פּוי-ליש, שעהמט זיך — זאָגט זי צום יונ-געל — מען וועט אויס אונז לאַכען, אָבער דער קלײנער וויל אויסנוצען די געלעגענהײַט און זאָגט:

זאָג מיר צו מאַמעשי אַז כ'וועל נישט געהן אין חדר, וועל איך רעדען פּויליש.

זײַ שוין שטיל, דו וועסט נישט געהן אין חדר, נאָר זײַ א מענש.

מאַמוניו, ניע מיוויע דאָ כערערו — זאָגט דאָס יונגעל הויך אויף פּויליש.

עטליכע קריסטליכע יונגלעך לאָזען אַרויס א הויך געלעכטער, און די מו-טער ווערט פֿערשעהמט...

זאָלען זײַ וויסען די גוים.

א יוד קומט אַרײַן אין וואַגאָן פֿער-סאָפּעט, און האַלט אין אײַן זאָגען: אָט האָב איך זײַ געוויזען, לאָזען זײַ וויסען די גוים, אַז מיר יודען פֿערמאָגען אויך אביסעל האָנאָר, און מען וויל זיך נישט לאָזען טרעטען מיט די פֿיס, און אײַ-דער מען פֿרעגט איהם וועגען וואָס ער רעדט דאָס, דערצעהלט ער אַלײן די מעשה.

געקומען בין איך קיין קראָקא אײַ-גענטליך גאָר געשעפֿטליך. נאָר אַזוי ווי כ'האָב א מוחלא שוין פֿון א לענגערע צײַט האָב איך אין אײַנוועגס געוואָלט זײַן בײַ א דאָקטאָר, און אויב זײַן בײַ א דאָקטאָר איז שוין טאַקי בײַם גרעסטען, וואָרום א געוועהנליכען דאָקטאָר האָב איך דאָך אין דערהײַם אויך, גו געה איך אַוועק באַלד אונ-דערפֿריה צום פּראָפֿעסאָר פֿון קראָקא-ווער אוניווערזיטעט און בעשטעל מיר א וויזיט אויף נאָכמיטאָג.

פֿון הסתם קום איך אַהין צוויי שעה פֿאַר דער צײַט כדי כ'זאָל זײַן דער ערשטער און אַזוי האָט מיר טאַקי די קריסטין צוגעזאָגט, אַזוי ווי מען עפֿענט אָבער די טיר פֿון פּראָפֿעסאָר'ס קאַ-בינעט, רופֿט מען קודם כל אַרײַן א גלח וואָס איז אײַגענטליך געקומען מיט א שעה שפּעטער ווי איך, מילא, טראַכט איך, א גלח קומט איהם אפֿשר פֿרי-הער, דער גלח געהט אַרויס, רופֿט די קריסטין אַרײַן א אָפֿיציר, טראַכט איך ווידער, מילא, א אָפֿיציר האָט אויך פֿאָרצוג, און איך וואַרט, געהט אַרויס דער אָפֿיציר לאָזט זיך ווידער אַרײַן א עלטערע קריסטין, ווײַזט אויס אויך עפּיס א יחסנ'טע, איך בין אַלץ גע-דולדיג און וואַרט, דערווײַל קומען ווי-דער אַרײַן צוויי גלחים, און ווידער עפּיס א מיל מער-מאָל, פֿרעג איך די שיקסע: קיעדי נאַ מיע פּשיידזשיע? זאָגט זי גאַנץ נאַיוו: ניעך פּאַן פּאָטשעקאַ, און מאַכט דערבײַ א קרומע מינע, איך קען זיך שוין מעהר נישט אײַנהאַלטען און געה אַרויס אין קאָרידאָר און מאַך זיך זו-כען אין קעשעניע, זי מײַנט אַז כ'געה איהר עפּיס געבען אין האַנט אַרײַן, זי מאַכט זיך שוין גרייט צו גע-מען די מטבע און זאָגט: וואָראַז פּאַן פּשיידזשיע, אָבער איך זאָג איהר א ברייטען דאָבריאַנאָץ און מאַך פֿון א-וועק, זאָל זי בלײַבען בײַ איהרע גלחים און איך — בײַ מײַנע דרײַסיג גילדען וואָס עס קאָסט א וויזיט, און זאָל זי וויסען נישט מיינען אַז א יוד האָט שוין גאָרנישט קיין פּיצעל אַמביציע.

ער האָט יאָהרצײַט.

א יוד וויל דוקא דאַווענען מיט מנין און זאָגען קדיש, ער האָט יאָהרצײַט, זאָגט ער, און ער מוז קדיש זאָגען, אין וואַגאָן זיצען אָבער אויך קריסטען, אין עטליכע יודען זאָגען אַז ס'וועט קומען צו סקאַנדאַלען, דער יוד וויל אָבער נישט וויסען, איך מוז דאַווענען — זאָגט ער — און שטעלט זיך אַוועק זאָגען „אשרי" פֿאַר'ן עמוד, עס ווערט א טומעל, ב'ין אײַנער פֿאַלט אויף א המציאה, מען בעט דעם קאָנדוקטאָר ער זאָל עפֿענען זײַן ספּעציעלע קופּע, דער עולם פּאַקט זיך אַרײַן, און דער יוד זאָגט אָב א דאַווענען מיט אַלע קלימטצערלעך, מען ווינשט איהם „מזל טוב" און ס'איז גאָר הײמיש.

די גוים זיצען נעביך און קיקלצען: אוי מע ושידזי, מע ושידזי.

איקס.

אונזער צוקונפֿטיגען דור, פֿון דער קינדפֿיינער מענשהײַט, וועלכע וועלען נעהמען זײַן שענער און בעסער פֿון אונז.

עסען בעקומען זײַ 4 מאָל אין טאָג, איבער 40 ליטער מילך א טאָג ווערט פֿערברויכט, די קינדער האָבען צוגע-נומען אין משך פֿון 8 טאָג דורכשניט-ליך צו איין קילאָ יעדעס.

מען לעזט פֿאַר זײַ שלום עליכם'ס מעשה'לעך און די קינדער קוועלען אָן פֿון זײַ.

עס פֿעהלען אויך נישט קיין קוריאָ-זען. די קינדער פֿון מחזיקי הדת האָ-בען נישט געוואָלט געהן בגילוי ראש, אַזוי ווי די אַנדערע קינדער וואָס גע-העו יאָ בגילוי ראש, האָבען זײַ זיך געמאַכט פּאַפּירענע הימלעך, פֿיעל געהען אין קאַפּעלעך, אויך איז דאָ א יונגעל וואָס איז א וועגעטעריאַנער... ד. ה. ער עסט נישט קיין פֿלייש, מען גיט איהם העלפֿט עס אַלץ נישט, ווײַל פֿון קינדהײַט אָן האָט ער א עב-שיי צו פֿלייש און עסט בלויז ירקות.

איך האָב געטראָפֿען אונזערע יודי-שע קינדערלעך, וועלכע ווערען זײַער גאַנץ לעבען פֿערצווינען אין די ד' אמות פֿון זײַערע אָרימע חושכ'דיגע הײַמען אונטער דער שטרענגער דיסציפּלין פֿון זײַערע מלמדים. די קינדער וועלכע זענען א גאַנץ יאָהר בלאַס נישט בקח הבריאה און ממילא זענען זײַ פּאַמעטע-משנע, דורך די פֿאָר טעג וואָס זײַ געפֿינען זיך אויף דער קאָלאָניע זענען זײַ אויפֿגעלעבט געוואָרען, די בעקע-לעך זענען רויט געוואָרען, זײַער גאַנץ וועזען האָט אויפֿגעלעבט.

איך האָב גאַנצע 4 שעה פֿערברענגט אין דער קינדער-וועלט. מײַן פֿרײַנד זאָגט צו מיר: עס איז גוט צו פֿער-ברענגען צווישען יונגע אונשולדיגע קינדער, וואָרום מען פֿערגעסט אין דער וועלט, וואָס איז העסליך, געמײַן און פֿערדאָרבען. איך בין מסכים מיט איהם.

א גרויסער דאַנק, א הערצליכער יישר כח קומט דער געזעלשאַפֿט „טאָז" פֿאַר דער גרויסער און הייליגער אַר-בײַט וואָס זי לײַסטעט פֿאַר אונזערע יונגע נפֿשות, אונזערע יודישע קינ-דערלעך.

ווען איך געזעגען זיך ערקלערט מיר ה' שפּירא, אַז דער „טאָז" וועט אײַנאָרדנען דרײַ קאָמפּלעקטען, ד. ה. יעדען חודש א אַנדערען קאָמפּלעקט, עס ווענדט זיך נאָר אין געלט. און איך שטעל זיך פֿאָר, אַז העכער דרײַ הונ-דערט אָרימע קינדערלעך וועלען אין משך פֿון דער צײַט געניסען פֿון דער פֿרײַער לופֿט, האָבען צו עסען צו דער זאַט, שפּילען זיך ווי די פֿרײַע פֿויגעלעך, פֿולט זיך אָן מײַן הערץ מיט אונבעשרײַבליכער שמחה און מײַ-נע ליפּען שעפּטשען א תפֿלה, גאָטע-ניו גיב א שעהן וועטער, זאָלען אונ-זערע שלמה'לעך, משה'לעך, חיה'לעך געניסען פֿון דער הערליכער נאַטור כאָטש איין חודש אין יאָהר און עס קומט מיר אויפֿ'ן געדאַנק דאָס פֿאָלקס ווערטעל, וואָס דיזעלבע קינדער זינגען „נאָט גיב א רעגען פֿאַר די קינדער'ס וועגען". זאָג איך: גיב א שעהן וועטער גליק און זעגען, פֿאַר אונזערע אָרימע קינדערס וועגען.

צי קאָן מען אַלע צופֿרידענשטעלען?

פֿון אַלע זײַטען האָט מען צו מיר טענות, הלמאי איך האָב נישט גע-שריבען פּונקטליך וועגען דער און דער פֿערזאַמלונג, אַז דער האָט גערעדט, און אַז דער צווייטער האָט איהם גע-ענטפֿערט, און דערבײַ האָב איך געדאַרפֿט אַרויסשרײַבען יעדעס וואָרט וואָס יע-נער האָט געזאָגט און מאָמער שרײַב איך נישט גענוי האָט יענער צו מיר א פּרעטענסיע.

אויך זענען נישט צופֿרידען די גע-זעלשאַפֿטען, וועלכע איך וואָג א משפּט צו טהון זײַער טעטיגקײַט, היתכן? שרײַבען זײַ, מיר לעבען איבער א קרי-זיס, קוים מיר האַלטען זיך אויף די פֿיס, קומט איהר צו געהן און משפּ-טעט אונז, מאַכט איהר דאָך פֿון אונז א תל, ווען איך האַלט זײַ אויף אַז מײַ-נע בעמערקונגען שטימען מיט'ן אמת, זאָגען זײַ, אַז נישט זײַ זענען שול-דיג, אַז זײַ טהוען אַלעס וואָס איז נאָר מעגליך, נאָר, נאָר זײַ קענען נישט אַלע צופֿרידענשטעלען, אָט למשל, דער לינות הצדק, קומט צו געהן דער ה' וש—ר און פֿיהרט מיך אַרויף אין דער אינסטיטוציע און ווײַזט מיר זײַער טע-טיגקײַט, אַז זײַ ערלעדיגען וויפֿיעל עס איז נאָר מעגליך, און נאָך איבער די כוחות.

די גרעסטע פּרעטענסיע האָט אָבער צו מיר דער בית-לחם-קאָמיטעט, באשר איך האָב געשריבען אַז זײַ גי-בען אונטערשטיצונגען בלויז אויף יום טוב, אין דער צײַט ווען זײַ טײַלען אויך אויף שבת, פֿרעג איך זײַ אַז איך האָב נישט געוואוסט וועגען דעם, אַז עס לאָזט זיך נישט הערען, איבערהויפּט פֿרעג איך זײַ ווי פֿיעל זײַ פֿערטײַלען א וואָך? זאָ-גען זײַ אַז זײַ האָבען בדעה צוצוטײַ-לען א פֿאָר הונדערט פּעקלעך, נאָר אַזוי ווי זײַ קאָנען נישט אַלע צופֿרי-דענשטעלען טײַלען זײַ נאָר א פֿאָר פּעקלעך, זאָג איך זײַ אַז איך ווייס נישט וועגען דעם, איבעריגענס איז 5 פּעקלעך א וואָך לא נחשב כלום.

עס האָבען נאָך צו מיר פּרעטענ-סיעס פֿערשידענע מענשען און אינ-סטיטוציעס, איך בין אָבער אויך נאָר א זינדיגער מענש און איך ענטפֿער אײַך אַז איך קאָן נישט אַלעמען צו-פֿרידענשטעלען.

2 קעץ אין איין זאַק.

האָבען מיר דאָס די לעצטע וואָך נעביך געהאַט א געהעריגע קאָפּ-ברע-כעניש, מיר האָבען נישט געוואוסט וואו מיר זאָלען פֿריהער געהן.

אויף די ווענט פֿון די טשענסטאָכאָ-ווער גאַסען זענען געווען אויסגעקלעבט אַפֿישען מיט גרויסע אותיות אַז אין זאַל פֿון די פֿײַערלעשער קומט צו פֿאָהרען דער וועלטבעריהמטער „שמשון הגבור" וואו ער וועט בעווײַזען זײַנע העלדישע גבורות, מילא זענען מיר דאָך יודען וועלכע זענען נעביך אַזוי שוואַך, וועל-כע ציטערען ווי א בלעטיל, האָט אונז שטאַרק הנאה געטהון וואָס גע-פֿינט זיך כאָטש א שמשון הגבור, וואָס וועט מאַכען ציטערען אונזערע שונאים (כאָטש לצים זאָגען אַז דער שמשון הגבור האָט שוין אָנגעשוירענע האָר..) האָבען מיר איהם כאָטש געוואָלט אָנ-קוקען, בעוויזען זיך אָבער א צווייטער אַפֿיש, נאָך מיט גרעסערע אותיות, אַז אויף דעם זעלבען אָוונד קומען צו פֿאָהרען אין זאַל פֿון דער „יאַרסע" אונזערע לײַכטזיניגע שטערן אַלאַ לילית און חל. גאָרוק. וועלכע וועלען אונז א שפּיעל אויפֿטהון דעם אמת'ן „טוטעלע".

און בײַ אונז האָט זיך געמאַכט דער אמת'ער „ויתרוצצו". מיר האָבען דאָך געוואָלט זעהען אי דעם „שמשון הגבור" אי די „שטערן". איבערהויפּט זענען יודען א פֿאָלק וואָס „חלש'ט" נאָך אַביסעל קונסט, דער סוף איז גע-ווען אַז דער רעגען וואָס איז פּונקט אויסגעפֿאַלען בעת די פֿאָרשטעלונגען האָט גורם געווען אַז דער גרויסער טייל איז געבליבען זיצען אין דער-הײם.

די אפּיקורסים זאָגען אָבער, אַז זײַ זענען נישט געגאַנגען דערפֿאַר, ווײַל זײַ האָבען בײַ זיך נישט געקאָנט בע-שליסען וואו זײַ זאָלען פֿריהער געהן...

וואָרום עס איז געווען — 2 קעץ אין איין זאַק.

דרלפֿון.

פלענאר־זיצונגען אין דער קהלה.

א זיצונג פון פלענום צוליעב א פעראָרדנונג פון סטאַראָסטא. — דער אנוועזענדער פערשטעהער פון דער אויפזיכטס־מאכט רופט צו פרידליכער צוזאמענארבייט. — א נייער טערמין צו פערענדיגען דעם בודזשעט. — ענדליך צוגעטרעטען צום עצם בודזשעט. — טומעל פאר אנגאזשירען א מורה־הוראה אנגענומען. — פראָיעקט וועגען שאפען א אטנען הויז, אבער פערניכטעט א בעטערן לעקטער פאר דער גמינע. — א אָריגינעלער פראָטעסט. — די אלטע שוהל ווערט רעמאָנטירט.

זונטאג נאכמיטאג האט די פערוואלטונג, לויט דער אויפפאָדערונג פון סטאַראָסטא גערופען א פלענאר־זיצונג פון קהלה־ראט מיט דער פערוואלטונג, אויף וועלכער עס האט לויט דעם בריוו פון סטאַראָסטא געזאָלט זײַן אנוועזענד זײַער א פערשטעהער.

ביי דער אנוועזענהייט פון כמעט אלע ראטמענער און א גרויסע צאָהל פערוואלטונגס־מיטגלידער עפענט די זיצונג דער פרעזעס פון ראט ה' הערקפלער, ער בעגריסט דעם פערשטעהער פון סטאַראָסטא ה' גרונאַשינסקי, וועלכער איז אויך רעפערענט פאר יודישע ענינים און גיט איהם דאס וואָרט פאר זײַן ערקלערונג.

דער רעפערענט ה' גרונאַשינסקי האלט א לענגערע רעדע, אין וועלכער ער זאָגט אז ער וואָלט זיך געוואונשען צו קומען אויף די זיצונגען אין בעסערע בעדינגונגען, שטענדיג איז די קהלה אין טשענסטאָכאָוו געווען א מוסטער פאר אנדערע שטעדט מיט איהר גוטער אָרדנונג און רעגעלמעסיגער פיהרונג. די לעצטע יאהרען אבער הויבען אן די קהלה בודזשעטען גע־מאכט צו ווערען מיט א געהעריגער פערשפּעטיגונג און האט א יאהר קומט דאס שפּעטער, לויט'ן געזעץ דארף דער בודזשעט געמאכט ווערען יעדעס יאהר אין ליסטאָפּאד פאר דעם קומענדען יאהר און נאָך אין דעצעמבער דארף ער פארגעשטעלט ווערען פאר'ן סטאַראָסטא, דאן נעהמט ער איבער אין דער וואָיעוואָדסטווא און שפּעטער אין מיניסטעריום.

איצט האבען מיר שוין מיטען יולי און דער בודזשעט איז אונז נאָך נישט צוגעשטעלט געוואָרען. מיר ווילען נישט ארויפוואַרפען קיין אומאנגענעהמליכקייטען און עס וואָלט אונז זעהר אומליעב געווען ווען מיר וואָלטען געגען אײַך געדארפט בענוצען וועלכע ס'איז שטרענגקייטען, ערער אײַך צוציהען צו דער דיסציפּלינאַריער פעראַנטוואָרטליכקייט, אין פאַלגען פון וועלכען אבער קענען זיך שוין ענדיגען און עס קען אפילו דערפיהרען ביז'ן ארײַנזעצען אין גמינע א קאָמיסאַר. די מאכט מוז היטען די געזעצען און קען נישט דערלויבען זיי צו פערלעצען.

דער רעדנער מאנעט דעם ראט און די פערוואלטונג וועלכע פערנעמען זיך מיט דעבאַטען און דיסקוסיעס וועגען זאַכען וואס געהערען נישט צו זיי. די קהלה איז א רײַן־רעליגיעזע און האט צו פערזאָרגען נאָר איהרע רעליגיעזע ענינים, ווי מקוה, שחיטה, שוהלען א.א.וו.

מען שפּילט זיך פיל מאָל אויף זיצונגען מיט'ן ארויסדריקען אונצופרידענהייט דעם פּרעזידיום — זאָגט דער רעדנער — דאס איז נישט דערלויבט, ווײַל קיינער האט נישט דאס רעכט צו בעזײַטיגען דעם פּרעזידיום פון ראט אָדער פון דער פערוואלטונג, וועלכע ווערען בעשטעטיגט דורך דער אויפזיכטס־מאכט און נאָר זי האט דאס רעכט זיי צו בעזײַטיגען.

ר. פערערמאן בעט א וואָרט אָבער דער רעפערענט ערקלערט אז ער האט נישט קיין צײַט אויסצוהערען דיסקוסיעס, און ערקלערונגען קענען געגעבען נאָר די פּרעזעסען פון ראט און פון דער פערוואלטונג.

דאס וואָרט צו ערקלערונג נעמט דער פּרעזעס ה' הערקפלער, וועלכער זאָגט אז אין דעם וואס דער הײַנטיגער בודזשעט איז ארויסגעקומען צו שפּעט, איז דער ראט בשום אופן נישט שולדיג, דער ראט האט דעם בודזשעט בעקומען אין מאַי, און באלד איז ער לויט'ן בעשלוס פון פלענום איבערגעשיקט געוואָרען צו דער פינאַנץ־קאָמיסיע, וועלכע האט אָבגעהאלטען כסדר 15 זיצונגען יעדע עטליכע טעג, און נאָך 4 וואָכען איז דער בודזשעט שוין גרייט און ווערט שוין בעהאנדעלט אין פלענום פון ראט.

דער פּרעזעס ה' גאָלדשטיין ערקלערט אז אויך די פערוואלטונג איז נישט שולדיג אין דער פערשפּעטיגונג, מען דארף נעהמען אין אכט אז דער בודזשעט פון פערגאַנגענעם יאהר איז ערשט אין יאַנואַר הײַ־יאָהר צוריקגעקומען פון מיניסטעריום, און מ'ר האָבען נישט געקענט מאכען דעם בודזשעט פון דעם יאָהר בעפאָר מען האט נישט געוואוסט וואס דער פאָריגער בודזשעט איז בעשטעטיגט, דאן איז גראָד געקומען פאר פסח ווען די פּליכט צו בעזאָרגען די אָרימע יודישע בעפעלקערונג אויף פסח איז געווען א דרינגענדע נויטווענדיגקייט, און אזוי אום האט זיך דאס פערשלעפּט ביז ענדע אַפּריל, אין אנפאנג מאַי איז דער בודזשעט שוין פארגעשטעלט געוואָרען פאר'ן ראט.

דער פאָרשטעהער פון סטאַראָסטווא ענטפערט אז בײַם מאכען דעם בודזשעט דארף מען נישט וואַרטען אויף דעם פריהערדיגען, און דער פריהערדיגער איז פאַקטיש אויך זעהר שפּעט צוזאמענגעשטעלט געוואָרען.

ווען ער בעטאָנט ווידער אז דער ראט שפּילט זיך גלאט אין האלטען רעדעס און דיסקוסיעס, ערקלערט פּרעזעס ה' הערקפלער אז דאס איז א נישט ריכטיגער פאָרוואורף, דער ראט איז נישט קיין קינדער־שפּיעל וואס זאָל גלאט צושאָקלען אויף וואס מען וועט איהם פארשטעלען, יעדע זאך מוז גענוי און אלזײַטיג בעהאנדעלט ווערען, און בעזונדער פערנעמט זיך דער ראט בשום אופן נישט מיט זאַכען וואס געהערען נישט ארײַן אין די ראַהמען פון זײַן קאָמפּעטענץ.

ר. פערערמאן בעקומט דאס וואָרט פאר א קורצער ערקלערונג און ער פרעגט: פאַראוואס די הײַנטיגע זיצונג איז א געשלאָסענע אין דער צײַט ווען אלע זיצונגען פון ראט זענען שטענדיג עפענטליכע.

ה' גרונאַשינסקי ענטפערט אז אין אוסטאַווע איז נישט פאָרגעזעהען דאס די ראט זיצונגען זאָלען זײַן עפענע, און דאס קען נאָר ערלויבט ווערען ווען דער ראט וועט האָבען א בעשטעטיגטען רעגולאַמין מיט אזא פונקט.

נאָכדעם ווי דער פּרעזעס ה' הערקפלער ווײַזט זאַכליך אָב די פאָרוואורפען פון ה' גרונאַשינסקי אנהאלטענדיג אז ווען עס קומט א דרינגענדער פערשלאג מוז ער בעפראגט ווערען כאָטש ער געפינט זיך נישט אויפ'ן מאָג־ער־רונג, און ווענען אונצופרידען איז אויך פערשטענדליך אז ווען דער ראט זאָל אויסדריקען אונצופרידענהייט דעם פּרעזידיום וועט דאס פּרעזידיום געוויס קיין מינוט נישט בלײַבען אויף זײַערע אמטען, נעמט ווידער דאס וואָרט ה' גרונאַשינסקי, וועלכער אַפּעלירט און בעט די ראטמענער און די פערוואלטונג אז פאר זײַער טובה און פאר דער טובה פון דער יודישער בעפעלקערונג זאָלען זיי זיך צופאַסען צו די געזעצען און זײַער ארבייט זאָל זײַן פּלאַנמעסיג און פרוכטבאַר, ער איז בשום אופן נישט אויסען קיין שיקאַנען, נאָר די עצם זאך וואס ער ווינשט זיך איז אז אלץ זאָל זײַן אין בעסטען אָרדנונג, און מען זאָל צוזאמען ארבייטען פרידליך. איך בין געקומען ספּעציעל אין זונטאג ווען ס'איז בײַ אײַך נישט קיין ארבייטס־טאָג און איהר האט צײַט, איך בין נאָר אויסען די טובה און דעם וואויל פון די הינע יודישע בירגער.

נאָכדעם ווי דער רעפערענט פערלאָזט די זיצונג ענטוויקעלט זיך א דיסקוסיע איבער זײַן רעדע און זײַנע אנשויאונגען וועגען די קאָמפּעטענצען און די טעטיגקייט פון ראט וועלכע זאָלען זײַן לויט זײַנע ריד זעהר קליינע, און דאס איז פאַקטיש נישט אזוי, איבערהויפּט טאַדעלט זײַנע ווערטער פרנס פערערמאן, וועלכער פערלאַנגט אז דער ראט זאָל אננעמען א פּראָטעסט געגען דעם (צוואר ער האט בעטאָנט אז עטליכע מיטגלידער פון דער פערוואלטונג וועגען נעהמען ציפערן מיט'ן וועלען פערשטעלען די רעכט פון ראט).

דער פּרעזעס ה' גאָלדשטיין זאָגט, אז די קהלה איז א רעליגיעזע נאַציאָנאַלע און מ'ר האָבען אלע אונזערע אינטערעסען צו ערלעדיגען, ווען זיי ווערען דורך דער מלוכה נאָרנישט ערלעדיגט.

א לענגערע רעדע וועגען דער זאך האלט פרנס זילבערבערג, וועלכער שלאָגט פאר צום סוף אז דער ראט נעמט צו קענטניס די ערקלערונג פון דער אויפזיכטס־מאכט, און וועט זיך צופאַסען צום נייעם געזעץ אויפהערענדיג דאבײַ צו פאָדערן אז זײַנע רעכט זאָלען פיעל פערברייטערט ווערען.

דער פערשלאג ווערט אנגענומען.

עס ווערט אויך אנגענומען דער פערשלאג פון ר. זילבערבערג אויסצוניצען די הײַנטיגע זיצונג פאר'ן ווײַטערן בעטראַכטען דעם בודזשעט.

פּרעזעס ה' הערקפלער ערקלערט אז צוליעב זײַן געזונדהייטסצושטאַנד מוז ער אָבפאָהרען אויף עטליכע וואָכען, ער פערלאַנגט אורלויב אויף 6 וואָכען און דערווײַל זאָל מען אויסוועהלען א פערטרעטער אָדער א וויצע־פּרעזעס וועלכען דער ראט האט שוין א לאַנגע צײַט נישט.

אהן דיסקוסיעס ווערט אלס צײַטווײַליגער פארזיצענדער אויסגעוועהלט ר. זילבערבערג, און די נעכסטע בודזשעט זיצונג ווערט בעשטימט אויף דינסטאג אָוונט, ווען עס זאָל אויך אויסגעוועהלט ווערען א וויצע־פּרעזעס פון ראט.

די דינסטאג'דיגע זיצונג.

דינסטאג אָוונט קומט פאר די בעשטימטע בודזשעט־זיצונג פון ראט אונטער'ן פאָרזיץ פון ה' זילבערבערג, וועלכער ערקלערט, אז דער ערשטער פונקט וועגען וועהלען א וויצע־פּרעזעס ווערט איבערגעריקט אויף שפּעטער, ווײַל אויף דער פאָר־זיצונג פון סעניאָרען־קאָנווענט צו דעם צוועק האבען געשטעלט פערשטעהער פון עטליכע פראַקציעס און עס איז אין דעם פונקט נישט געקומען צו קיין געמיינזאַמער פערשטענדיגונג.

מען טרעט נאָכדעם צו צום בודזשעט.

דער ערשטער פונקט וועגען די פענסיע פאר'ן ראבינאט ווערט כמעט אהן דיסקוסיע אנגענומען, עס קומט פאר א קורצער ויכוח וועגען דער סומע פון 5000 זלאָטעס, וואס איז ארײַנגעשטעלט געוואָרען פאר'ן אנגאזשירען א מורה־הוראה אויפ'ן אָרט פון הרב זשאַיעוויטש. פרנס אלטמאַן זאָגט, אז אין דער צײַט ווען דער געלד־מאַנגעל איז אזוי גרויס און עס איז נישטאָ קיין געלד אויסצוצאָהלען די אלטע מורה הוראות דארף מען קיין נײַעם נישט צונעהמען. איבערהויפּט פיהלט זיך נישט קיין מאַנגעל אין א מו"ץ און עס זענען נאָך פערהאַנען וויכטיגערע און נויטיגערע אויסגאַבען.

פּרעזעס ה' גאָלדשטיין ווײַזט אויף מיט ציפערן לויט'ן בעריכט אז די גאנצע פענסיע פאר'ן ראבינאט און אלע בעאַמטע פאר'ן פריהערן יאהר זענען אויסגעצאָהלט געוואָרען, עס זענען זיי אפילו געגעבען געוואָרען געוויסע סומעס א קאָנטאָ פון וואס ס'איז זיי געקומען פון פריהער. די חובות זענען נאָך פון די אינפלאַציע־צײַטען, ווען די בודזשעטען האבען נישט געקענט דעריאָגען די שטײַגערונגען און די הוצאות, אבער איצט ווערען די פענסיעס גאנץ רעגולער און פונקטליך אויסגעצאָהלט נאָך מיט א טייל פון די פריהערדיגע אלטע חובות.

וועגען נעהמען מורה־הוראה, זאָגט ה' גאָלדשטיין, אז דיזע פערוואלטונג איז ענדליך געקומען צו דער איבערצײַגונג, אז מען מוז האבען אין טשענסטאָכאָוו אזא מורה־הוראה וועלכער זאָל נישט בלויז פּסקנ'ען א שאלה נאָר ער זאָל קענען ערפילען געוויסע פליכטען וואס ווענען אונז נויטיג.

פרנס ווײַנשטאָק ערקלערט אז טראָץ דעם וואס זײַן פראַקציע איז געווען געגען א מו"ץ, נאָר אויב מען וויל אנגאזשירען אזא מורה־הוראה ווי ה' גאָלדשטיין האט ערקלערט וועלען זיי שטימען פאר דעם פערשלאג.

בעת דער אבשטימונג ווערט די פּאָזיציע פאר'ן ראבינאט אנגענומען.

וועגען דער פּאָזיציע פאר'ן סעקרעטאַריאַט קומט פאר א קורצע דיסקוסיע איבער דעם פערשלאג פון ר. פערערמאן צו העכערן אויך די פענסיעס פון אלע אנגעשטעלטע פּראָפּאָרציאָנעל צום ראבינאט. אין רעזולטאט ווערט דער פונקט אנגענומען לויט'ן פערשלאג פון דער קאָמיסיע.

עס ווערט אויך אנגענומען דער פערשלאג פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע אז פון דער סומע וואס איז בעשטימט פאר ביוראָ־אויסהאלטונג זאָל אָרגאַניזירט ווערען די סומע פון 4 טויזענד זלאָטעס פאר א ספּעציעלען סעקרעטאַריאַט פאר'ן קהלה־ראט.

א קורצע דיסקוסיע רופט ארויס דער פערשלאג פון פרנס כוינאצקי וועלכער שלאגט פאר אז מען זאָל

וואָלען אײַערע קינדער שטענדיג טראָגען בערסאָנ'ס אָבצאַסען און זיי וועלען זײַן געזונטער און ריהרעוודיג
ווײַל „בערסאָן" איז דרײַפאַך שטאַרקער פון לעדער דורך וואס עס מאכען זיך שווערער לעכער.

קלײנער פעליעטאָן.

זמן שמחתנו...

אַמאָל האט מען געהאט א בעגריף, אז ווען מען שיקט אוועק דאס ווײַב אויף זומער וואוינונג, איז א צרה, מען פלעגט דאס אנרופען מיט פערשידענע קלאָגעדיגע נעמען ווי „גלות־דאַטשע", „דאַטשע־צרות" צוליעב די בוימערע צרות. האט דער מאַן לײַדט געביך פון זײַן ווײַב, וועלכע פערפּאַטערט איהם ביז'ן טויט, בעת זי דאַרף פאָהרען אויף דאַטשע, דאס איז אבער אלץ געווען אמאָל, ווען דאס פאַמיליען־לעבען איז געווען הײַליג, דאמאָלס קען זײַן האבען זיי געליטען ווען זיי האבען זיך געדארפט שיידען, הײַנט אבער קען מען דאס אנרופען מיט א גאנץ אנדערען נאָמען, נישט קיין צער, נישט קיין צרות, נאָר א צײַט פון שמחה, פון פרייד — זמן שמחתינו.

ריין צופעליג האב איך אנגענומען א ראַנג מײַנע בעקאַנטשאַפטען וואס איך האב געמאכט בײַ די, וועלכע האבען געהאט די זכיה אוועקצושיקען זײַערע ווײַבער אויף דאַטשע, און זיי ווענען נישט קיין פרײַער'ס, זיי שיקען נישט קיין אָבטראָכט, וואו זיי זאָלען דאַרפען צופאָהרען יעדען אָוונט, שלעפּען פּוס זיך די פּעקלעך און שיבהערען די טענות לשונ'ס פון זײַערע ווײַבלעך, נאָר זיי טאָען אלעס אין דער וועלט, אבי צו קענען שיקען אוועק זײַערע ווײַבלעך, קיין ראַבקי, קריניצע, זאַקאָפּאַנע, משעלעשינעק, צאָפּאָט און וואו איהר ווילט, אבי נאָר פונדערווײַטענס, אבי נאָר פּטור צו ווערען אויף א פּאָר וואָכען פון זיי אינגאנצען, ווײַל דאמאָלס אָטעמען זיי פרײַער אויף, דאמאָלס הויבען זיי אָן צו פיהלען דעם טעם פון ארונטערוואַרפען פון זיך דעם יאָך.

אזעלכע מענער איז דא אסך, איהר ווערט זיי טרעפען יעדען אָוונט אין די טעאַטער'ס, אין די קינאָ'ס, אין די צוקער־ניעס וואו זיי לעבען א גוטען טאָג.

ווען איך פרעג אזא גליקליכען מענש צי טראַכט ער עפּעס וועגען זײַן ווײַב וואס איז אזוי ווײַט פונדערווײַט, און איך דערצעהל איהם ווי די טאָג־כראָניק פערצייכענט פערשידענע פאַלען וואס קומען פאר מיט פרויען, וועלכע ווערען נכשל אין די בעדער, קורערטער, אויף די זומער־וואוינונגען, מאַכט ער עס אוועק מיט א שמייכעל און זאָגט: מען ווערט נישט נתפעל פון אזעלכע זאַכען, ווײַל די פרויען, זענען נישט הײַנט אזעלכע מיוחסים, איבערהויפּט וועלען זיי זיך נישט ארײַנלאָזען אין אַוואַנטורעס ווײַל זיי ווייסען אז דער סוף איז א שלעכטער.

עס זענען פערהאַנען נאָך אזעלכע וואס קענען זיך נישט דערלויבען אוועקצושיקען זײַערע ווײַבער אין די ווײַטע מקומות ארײַן, קומען זיי מאַכי אָב חיבוט הקבר, איבערהויפּט דער הײַיעהריגער זומער, ווען עס איז נישטאָ קיין איין שיינער טאָג, פערשטעלען זיך די מענער זײַערע טעג און יאָהרען, וואָרום יעדעס מאָל ווען די מענער קומען, קומט זיי אויס צו הערען אזעלכע דבורים, אז עס ווערט זיי פינסטער פאר די אויגען! די פרויען בעקלאָגען זיך אז עס רעגענט, אז זיי ווערען פערפינסטערט און פערשוואַרצט, און אלץ צוליעב זײַערע שלימזל'דיגע מענער, וואָרום עס איז רעגען נאָך דא אזא פערשאָלטענע זומער וואוינונג ווי אָטראָח, וואס האלט אין איין רעגענען...

עס העלפט נישט דעם מאַנס איבערצײַגען זיי, אז אין די רעגענס זענען די מענער נישט שולדיג, אז פערקעהרט, אין די קור־ערטער רעגענט נאָך מעהר, ווער שמועסט אין אויסלאַנד איז נאָך ערגער, אין דײַטשלאַנד איז פאָרגעקומען א פערפלייצונג וואו אסך לעטניקעס זענען דערטרונקען געוואָרען, עס העלפט אבער נישט, די ווײַבער האבען שטענדיג דאס לעצטע וואָרט, ווער שמועסט נאָך ווען זיי זענען אויף זומער וואוינונג זענען זיי קאַטעגאָריש אז נאָר זאָל שומר ומציל זײַן, ווי דן מענער זענען טאַקע אומגליקליכע, ווײַ איז נישט בעשערט צו האבען נחת כאָטש עטליכע וואָכען אין יאהר, ווײַ דארף מען טאַקי בעדויערען, אָבער איך בין זיכער אז זיי וועלען קלינגער ווערען, דאס לעבען וועט זיי אויסלערנען, אז אויפ'ן צווייטען יאהר וועלען זיי שוין וויסען ווי זיך צו פיהרען, אז זיי וועלען קאָנען ארײַן אין צאָהל פון די גליקליכע מאַנספערשוינען און וועלען פיהלען דעם אמת'ן טעם פון זמן שמחתנו.

טילא, ווענען די מענער וואס זענען דלפנים און זײַערע ווײַבער קאָנען אינגאנצען נישט פאָהרען אויף דאַטשע, ווענען זיי רעדט מען שוין נאָרנישט, דאס זענען די אומגליקליכע שלימזל'ניקעס וואס לײַדען אזוי פיעל, אז עס איז א וואונדער ווי זיי האלטען דאס אויס. און אזעלכע זענען דא א סך און בײַ זיי קומען פאר מחלוקות צוליעב די זומער־וואוינונגען. איך וועל ווענען זיי נישט שרײַבען, גענוג אז זיי מוזען שוויצען אין דער שטאָט, בעת אנדערע ווײַבער פערברענגען אין די פערשיידענע פּענסיאָנאַטען, כאָטש צווישען אונז זאָל עס בלײַבען איז דאס גאנצע פאָהרען אויף די „לעטניקעס" נישט מעהר ווי א פערושקייט, אָבער עס איז שוין א מאָדע און די מאָדע איז א זאך וועלכע מענשען, איבערהויפּט דאס ווײַבערישע מין מוז עס מיטמאַכען, כאָטש עס פעהלט זיי דאָרט אויך נישט קיין צרות. נאָר פערפאַלען, עס איז א אנגענומענע זאך און קיינער איז נישט מחוייב צו עסען געגען דעם.

אזוי האבען מיר דרײַ קאַטעגאָריעס לעטניקעס, וועלכע טיילען זיך אויף גליקליכע, ד. ה. די וואס שיקען זײַערע ווײַבער אויף עטליכע חדשים אין די ווײַטע מקומות, די אנדערע וועלכע שיקען אוועק די ווײַבער אויף די נאָהנטסטע זומער־וואוינונגען, ווי קיין אָטראָח אָדער קאָמיענסק. זיי געהערען צו דער קאַטעגאָריע האַלב־גליקליכע. און די דריטע קאַטעגאָריע, וועלכע שלעפּען וועס שוויצען יאך און מוזען טראָגען דאס פעקיל אויף זײַער האלז א גאנץ קעלעכדיג יאהר, ד. ה. וועלכע שיקען זײַערע ווײַבער אינגאנצען נישט אוועק.

ווי מען שמועסט איז דא א פּראָיעקט צו גרינדען א געזעלשאַפט וואס זאָל האבען די אויפגאבע ארויסצוהעלפען די אומגליקליכע מענער, אזוא לײַה און שפּאָר־קאַסע, אז זיי זאָלען קענען אוועקשיקען זײַערע ווײַבער, וואָרום עס איז א צער־בעל־חיים אויף די אומגליקליכע מענער, נעביך, וואס דן געזעלשאַפט זאָרגען פאר זיי, אז זיי וואָלען קענען אוועקשיקען זײַערע ווײַבער אין מרחקים ארײַן און וועלען קענען וואַנען כאָטש עטליכע וואָכען אין יאהר מיט'ן גאנצען האַרץ אז עס איז זמן שמחתנו.

סמאל.

ארבייטסשטעלען אין בודזשעט א נעהעריגע סומע אויף צו קענען מיט דער צייט דינגען א אנדער פאסענדער און גרע-סער לאקאל פאר דער קהלה.

אלע אנערקענען אז דער איצטיגער לאקאל איז בשום אופן נישט פאסיג פאר א קהלה ווי טשענסטאכאו. עס איז ענג און די ארבייט קען נישט געהן נארמאל, מען מוז יעדעס מאל איבערררייסען די טישען אהין און אהער כדי צו קענען האבען א ארט פאר די אפטע זיצונגען וכדומה. און דאריבער דארף מען אומבעדינגט ערנסט טראכ-טען וועגען דינגען א ענטשפרעכענדען לאקאל אבער קומען צו א אייגענעם בנין, אבער פארט אזוי ווי ס'איז שוין אהעק א העלפט פונ'ם היינטיגען בו-דזשעט-יאהר, ווערט די דאזיגע פראגע אבגעלעגט ביז צום נייעם בודזשעט.

בעת עס ווערט געטראכט דער פונקט וואס ענטהאלט די שוהלען און בית-המדרש ערקלערט דער פארזיצענדער ה' ווילבערגערג אלס רעפערענט פון דער בודזשעט-קאמיסיע אז די קאמי-סיע האט אנגענומען צו פערקלענערן דן פענסיע פון חזן ה' גאראש מיט 1 זלאטי אלס פראטעסט דערפאר וואס די פערוואלטונג האט בעת'ן אנגאזשי-רען אידם אלס חזן זיך נישט פער-שטענדיגט מיט'ן ראט.

די דאזיגע פראגע רופט ארויס א דיסקוסיע. פרעזעס גאלדשטיין ער-קלערט אז דאס אנגאזשירען א חזן געהער זיך נישט אן מיט'ן ראט, און דער פראטעסט איז נישט בערעכטיגט, פרנס אלטמאן אלס גבאי פון דער אלטער שוהל איז אויך געגען דעם פראטעסטירען. און זאגט אז אלס פראט-עסט דארף מען דעם חזן העכערן די פענסיע.

עס קומט אויך פאר א ויכוח וועגען דעם וואס מען דארף בעשטימען א סומע אבצוראמען דעם הויף פון שוהל און ביהמ"ד, ווייל עס איז גע-גען אונזער כבוד אז ביי א מקום קדוש זאלען זיך געפונען שטענדיגע קיפעס מיסט.

צוליעב דער שפעטער שעה הערען די ויכוחים איבער דעם פונקט אבגע-לעגט אויף דער נעכסטער זיצונג, און דער פארזיצענדער ערקלערט די זי-צונג פאר געשלאסען.

די זיצונג פון דער פרייוויליגען מאגיסטראט

בעשטעטיגונג דעם בודזשעט.— קאנקורסען אויף די אולען ארבייט. — גאזאווניע און טראמוואיען.

אויף דער לעצטער זיצונג פון דער-ווילינגען מאגיסטראט איז בעשטימט געווארען ענדגילטיג דער בודזשעט פאר'ן יאהר 1927-8 און איז איבער-געשיקט געווארען צום בעשטעטיגען דער אויפזיכטס-מאכט אין קעלץ.

צוליעב דעם וואס דער הינער קור-יער צאריזינגני' האט אינטערפעלירט דעם מאגיסטראט, פארוואס „אולען" האט אוועקגעגעבען די מאלעריי - אר-בייט דער הינער יודישער פירמע נא-פאינסקי אהן קאנקורס, האט דער קא-מיסאר ערקלערט דאס דער מאגיסט-ראט האט בעפוילען „אולען" די דא-זיגע ארבייט צוריקצוציהען, ווארום ווי ער האט ערקלערט איז דער מאגיס-טראט דאבע דורך אולען שלעכט אינ-פארמירט געווארען און דאריבער הערט די דאזיגע געזעלשאפט מוזען לויזען די שטערנ'ס רעדפון.

דאן איז בעטראכט געווארען די אפערטע פון דער פוילישער גאזאווניע-געזעלשאפט, וועלכע וויל איבערנעמען דאס אויסבויען די גאזאווניע ביי אונז אין שטאט און צושטעלען די דאזיגע פולשטענדיג פערטיגע אונטער יעדע גאראנטיע פאר רעיעלער און פונקט-ליכער אויספיהרונג אז אין מאטעריא-לען אז אין מאראלישען זין.

פאר'ן פיהרען די דאזיגע ארבייט פערלאנגט די דערמאהנטע געזעלשאפט 2 און א האלב פראצענט פון דער אל-געמיינער סומע פון 170 טויזענד דא-לאר, וואס איז אויף דער גאזאווניע בעשטימט געווארען.

צו דער פראגע וועגען בויען די גא-זאווניע האט געשאפען הערען א ספע-ציעלע קאמיסיע פון בעלי-בתים פון דער שטאדט און גלייכצייטיג האט גע-פיהרט ווערען דורך ספעציאליסטען אינזשיניערען א ספעציעלע אויפקלע-רונגס-ארבייט וועגען דער וויכטיגקייט און נויטיגקייט פון דער גאזאווניע.

די וויכטיגקייט פון דער גאזאווניע ווערט נאך געשטארקט דאדורך וואס דער קאמיסאר נעמט פערנעמט זיך ערנסט מיט'ן פראיעקט וועגען איינפיה-רען ביי אונז אין שטאדט טראמוואיען אין דעם פאל וועלט די גאזאווניע גע-קאנט אין א גרויסער מאס בעלייכטען די שטאדט, אזוי אז פון דער עלעק-טראווניע וואלטען געקאנט גלייזען הערען טראמוואיען אין פערקעהר.

דער פלאץ וואו די גאזאווניע וועט געבויט ווערען ווערט איצט אויסגע-פארשט. פערהאן וועגען צוויי פלעצער, אדער אין קאספאסטי-גראש, אדער אין זאוואדע ביי דער עלעקטראווניע.

אזוי ווי די גאזאווניע פערלאנגט א פעסטען באדען אונטער זיך צוליעב די ריעזיגע אויוען'ס וואס הערען דארט אויפגעשטעלט ווערען, דאריבער ווערט איצט אויסגעפארשט וועלכער פלאץ פון די צוויי דערמאהנטע איז מעהר געאייגענט אויף דעם דאזיגען צוועק.

ווייטער איז אויף דער זיצונג בע-טראכט געווארען די וואסער - פראגע וועגען וועלכער מיר שרייבען אויף א צווייט אָרט.

שבת אחענד קומט זעהן די בעריהמטע „מאמע פון דער וועלט".

וועגען בעזארגען טשענסטא-כאוו מיט וואסער.

די זיצונג פון מאגיסטראט האט זיך גרייט בעשעפטיגט מיט'ן ערלעדיגען ענדגילטיג די פראגע פון וואו זאל גע-נומען ווערען וואסער פאר אונזער שטאדט.

עס זענען אין צוזאמענהאנג דאמיט אבגעהאלטען געווארען א ריהע קאנ-פערענצען מיט די גרעסטע פאכמע-נער וואסער-קענער און אין רעזולטאט איז פעסטגעשטעלט געווארען דאס אם מעהרסטען וואסער וועט מען קענען ציהען פון דעם דארף חיע-זלאטיס, וואס געפונט זיך 8½ קילאמעטער פון טשענסטאכאו.

אזוי ווי דער דאזיגער פונקט גע-פונט זיך אויף א נעגוג העכערן שטח פון דער שטאדט האבען איינינע ספעצ-יאליסטען ארויסגעזאגט די מיינונג אז דאס ציהען וואסער דורך רעהרען אויף א מרחק פון 8½ קילאמעטער וועט זעהר פיעל קאסטען און דאריבער וואלט געהייסען וויכטיגער זוכען נעהנ-טערע וועגען. נאך לענגערע דעבאטען אין דער פראגע איז מען געקומען צו אנ'אויסנאנג, וועלכער האט אנערקענט דאס נור דער דאזיגער פונקט איז גע-איינגנט, טראץ דעם וואס עס איז נעניג חשט, ווארום געהן זוכען אנדע-רע וועגען און מאכען פרובען איז פערבונדען מיט נאך גרעסערע אויס-גאבען — און דאביי וועגען די רע-זולטאטען צווייפעלהאפט.

עס איז אויך גענומען געווארען אין אכט דער באטראכט דאס מען טאר נישט פערשלעפען די פראגע ווייל די פראצענטער פון דער הלואה וואקסען פון מאל צו מאל — און מען דארף דאריבער וועהען וואס שנעלער די ארבייטען צו פערענדיגען און צו הא-בען אייגענעם פון איהר.

א שווערע פראגע איז געווען דאס וואס אולען האט אין זאמשיש אויפגע-בויט א פרובע-ברונען, וועלכע האט אבגעקאסט 70 טויזענד דאלאר, און ווי עס האט זיך איצט ארויסגעוויזען איז די דאזיגע ברונע אויף 600 מע-טער טיעף נישט קיין נוטע, דאס וואס-סער קומט כסדר אהעק און דאביי ערד-מען זיך פון איהרע פינעניגען שמי-קענדע גאזען, אזוי אז די דאזיגע ברו-נע איז אויך גארנישט — די אנגע-ווענדעטע פראפעסארען האבען די ברונע גענוי אויסגעפארשט און זענען גקו-מען צום רעזולטאט אז מען דארף זי צוריק פערשיטען און בעזייטיגען.

עס רוקט זיך דאריבער ארויס די פראגע ווער זאל די דאזיגע סומע היזק האבען, אולען אדער די שטאדט — און צוליעב דעם הערט פארקומען א ספעציעלע זיצונג מיט'ן אנטייל פון יוריסטען ספעציאליסטען, וועלכע הערט דעם ענין בעטראכטען פון רעכטליכען שטאנדפונקט — און אויב עס הערט דאביי נישט קומען צו קיין געמיינזא-מען הסכם הערט די פראגע ערלעדיגט הערען דורכ'ן ארביטראזש.

געהערט האט איהר שוין
דעריבער קומט איצט זעהען
„די מאמע פון דער וועלט"

דאס בויען די גאזאווניע איז טשענסטאכאוו.

ווי מיר האבען שוין פונגעטיילט איז דאס בויען ביי אונז אין שטאדט א גאזאווניע שוין א געשלאסענע זאך.

אין צוזאמענהאנג דאמיט האט דער קאמיסאר נעמטעל געגעבען פאלגענדע ערקלעהרונגען:

עס איז דורך דעם אינזשיניער פון דער ווארשאווער גאזאווניע פעסטגע-שטעלט געווארען פאלגענדער גענויער פלאן פון דער גאזאווניע, וועלכע הערט אויפגעבויט ביי אונז אין שטאדט.

די גאזאווניע הערט פראדוצירען יעהרליך ביז 2½ מיליאן קובעק מע-טער גאז, אויסער דעם הערט די גא-זאווניע פראדוצירען 70 פראצענט קאקס און 5 פראצענט סמאלע.

די אלגעמיינע קאסטען פון בויען די גאזאווניע הערען בערעכענט אויף 170 טויזענד דאלאר. דאפון די איינ-ארדנונג 120 טויזענד דאלאר און דאס ציהען דו גאז רעהרען 50 טויזענד.

די אויפגערעכענטע פראדוקציע הערט בעטרעפען אין ערשטען יאהר 600 טויזענד קובעק מעטער און אזוי כסדר וואס ווייטער אלץ מעהר ביז אין זעק-סטען יאהר הערט זי צוקומען צו דער פולער מאקסימאלער פראדוקציע, וועל-כע הערט קאסטען צו 40 גראשען א קוביק מעטער.

אין די ערשטע פער יאהר וועגען פערגיטיגונגען בעריטטענרע רעפיציטען, און אזוי איז פערגיטיגונג אין ערשטען יאהר ביז 80 טויזענד זל. היזק, ביז אין פערטען יאהר, וועלכעס דארף שוין ברענגען פערדינסטען.

עס האבען זיך שוין ווענאר געפונען פאבריקען ווי די אייזען הוטא ראקאוו, וועלכע האט געשטעלט אבקויפען די גאנצע פראדוקציע פון גאז — אבער די שטאדט פערוואלטונג האט בעשלא-סען נישט הערען זיין אבהענגיג פון יחידים, שלעפען די וועלכע וועלען דעם גאז צושטעלען צו די נעהעריגע פרייזען.

די גאזאווניע בויט די שטאדט אליין אויף אייגענעם חשבון אהן וועלכען עס איז אנטייל פצד דער געזעלשאפט וועל-כע האט זיך מיט א צייט צוריק גע-גרינדעט אויף צו בויען ביי אונז אין שטאדט א גאזאווניע.

דער אריגינאל פון
„די מאמע פון דער וועלט"
אין פייערלעשער-זאל.

פון יודישען אינוואלידען-פעראיין.

דער הינער יודישער אינוואלידען-פעראיין מעלדעט מיט אז דער סעקרע-טאריאט פון פעראיין איז איבערגע-טראגען געווארען אין לאקאל פון האנד-ווערקער-קלוב II אלעע 40.

איינשרייבונגען און רעגיסטראציעס ווערען אנגענומען טעגליך חוץ שבת פון 3 ביז 4 נאכמיטאג.

מיליטערישע איבונגען פון רעזערוויסטען.

לויט א פעראָרדנונג פון אינערן-מיניסטעריום וועלען אין גאנצען לאנד אדורכגעפיהרט ווערען איבונגען פון רעזערוויסטען לויט פאלגענדען אופן:

אויף 4 וואכענטליכע איבונגען וועלען גערופען ווערען אונטעראפיצירען און סאלדאטען פון קאטעגאריע A פון יאהר 1902, די יאהרען 1900 און 1899 פון ארטילעריע נעהמען דינ-סטען (אויסער קרוג'ס פלאץ). וועלכע האבען די פערפליכטע איבונגען נישט אדורכגעמאכט אין די יאהרען 1925 און 1926.

רעזערוויסטען פון די יאהרגענג 1901, 1902 און 1903, וועלכע גע-הערען צו די פליהער.

אויף 3 וואכענדיגע איבונגען וועלען גערופען ווערען: פליהער רעזערוויסטען פון די יאהרגענג 1896, 1897, 1898 אויסער דעם וועלען גערופען ווערען אויף 4 וואכענדיגע איבונגען די רע-זערוויסטען פון אלערליי מיליטער-פארמאציעס פון די יאהרען 1890, 1891 און 1898.

די רעזערוויסטען, וועלכע האבען צוליעב פערשידענע סבות קיין אויפ-פאדערונגען נישט בעקומען, דארפען זיך זעלבסט צושטעלען אין פ. ק. או. פון וואו זיי וועלען איבערגעשיקט וועַ-רען אין די נעהעריגע אבטיילונגען.

די וואס שטעלען זיך צו ראפארטען מיטהאבען מיט זיך זייערע מיליטערי-שע דאקומענטען און אויך זייער גע-שיר צום עסען.

טעאטער און קונסט.

דער „אזאזעלי" אויפטריט איז טשענסטאכאוו.

אייגענטליך איז נישט דער „אזאזעל" אלס אזאזעל. שבת און זונטאג אויפ-געטרעטען אין זאל פון דער „הארמאניא", נאר בלויז די שטערן פון „אזאזעל" — אלא לול ת, וועלכע האט מיט איהר מעטאל-קלאנגפולע שטימע, גראציעזע בעוועגונגען, וואונדערליכע מימיק, לייכט שוועבענדען טאנץ און מיט יע-דען איהר א נעזונגענעם פאלקס-לי-דעל געשאפען דעם עולם בעצויבערט, אי-בערהויפט איז דעם לידעל „אסר אבי" געווען אן גרעליך.

אויך ה' נאריק איז א פרעכטיגער קאנפערענסיער און מאנאלאגירט נישט שלעכט דעם „דער אושקארוש", דעם „בינגעל-פערקויפער" און דעם „קצב", נאר ער בענוצט זיך אבער שוין מיט אלטע וויצען וועלכע זענען שוין דעם עולם בעקאנט, און דאס מאכט אבזו-לוט קאליע דעם איינדרוק.

ה' קליין איז אהן ספק א טאלאנט פון דער ערשטער קאטעגאריע און האט מיט זיינע סאלא נומערן געמאכט דעם נעהעריגען איינדרוק, איבערהויפט האט ער שעהן געזונגען „נאפאשא", „וואס נעהמען איז געווען" א. א.

ביים קלאוויר איז געזעסען דער אי-בעראל בעקאנטער קאמפאזיטאר און מוזיקער ה' וועלמאן.

עס איז נאר צו בעדויערן וואס דער „אזאזעל" שפיעלט נישט אלס א גאנ-צעס, ווארום לילית און נאריק צוזא-מען מיט די סטודיאנטען פון הער-מאנ'ס סטודיע וואלטען דאס שענסטע וואס מיר ערמאנען, מאכט אבער יע-דער שבת פאר זיך איז עס נישט גאנץ און נישט השלם.

די יודישע טעאטער - פאר-שטעלונגען.

די יודישע טרופע אונטער דער לייטונג פון ה' ל ביאלקאָוויטש מאכט אלץ מעהר פארטשריטען, זי ענגא-זשירט אלץ פרישע קרעפטען אזוי אז די טרופע זאל ווערען פערפולקאמט, די לעצטע טעג זענען ענגאזשירט גע-ווארען אין דער טרופע די דראמאטי-שע שוישפילערין פרוי לובארטאָווסקא און ה' בלאס.

ביי דעם איצטיגען צוזאמענשטעל האט די טרופע אלע שאנסען צו צוצי-הען די אויפמערקזאמקייט פון אלע טעאטער בעזוכער, עס וועלט נאר גע-הען הינשענסטערט אז די טרופע זאל צונויפטען, א נעהעריגען רעפערטואר גוט איינשטודירען און דאן איז מעהר ווי זיכער אז מיר וועלען ענדליך הא-בען א שטענדיג יודיש טעאטער אין אונזער שטאדט, כ'לעבען שוין חודש צייט!

די טרופע בעשטעהט איצט פון פאל-גענדע קרעפטען, פרויען: ליבגאלד, לובארטאָווסקא, סענאל, ביאלקאָוויטש, מענער: מאקסימאוו, ביאלקאָוויטש, מינער, ליבגאלד, בלאס, חייבערג, זובאק, זילבערבערג, לורנער א. אנדע-רע, דאס איז יעדענפאלס א טרופע פון גוטע כחות, וואס ביי א גוטע גע-העריגע פארשטעלונגען פאר דער זאך וועלט זי געקאנט שטעהן אויף איהר נעהעריגער הויך, וועלכעס מיר ווינ-שען איהר פון גאנצען הארצען.

שבת נאכמיטאג ווערט געגעבען „די רומענישע חתונה", שבת אווענד ווערט געגעבען א פרעמיערע „די מאמע פון דער וועלט", זונטאג אווענד ווערט גע-געבען „די שווארצע חופה".

אויף מיטוואך דעם 20-טען ד. ח. ווערט פארבערייט א העכסט אינטע-רעסאנטע פארשטעלונג א. נ. „א חינ-קעל אין ניו-יאָרק" וואו עס וועלען זיך בעטייליגען די בעסטע כחות פון דער טרופע.

די דאזיגע פארשטעלונג האט ארויס-גערופען ביי אלע טעאטער בעזוכער א גרויסען אינטערעס.

S.

נדבות אין רעדאקציע

פאר בית לחם מענדיל קאפינסקי 2 זל. ב. צימערמאן 1 זל.



סענסאציע! הייגט גרויסער דאפעלטער פראגראם!

HAROLD LLOYD w SPÓDNICY

אונגלויבליכע קארק-ברעכענדע ערצעהלונג אין 6 אקטען. אין די הויפט-ראָלען הארעלד ללאיד און מאגדא קאנאדי ווי אויך זעהר פארטנער-מאלפע „בירקא". די האנדלונג קומט פאר און ניו-יארק, אין א רעדאקציע, מיליאנערן-פאלאץ אין זיין אל-טערטימליכען פאלאץ, און אויף די גזימסען פון א 30-שטאקיגען הימעל-בנין.

פון פרייטאג דעם 15 ביז זונטאג דעם 17 יולי איינשליסליך.

הארעלד לאיד אין זיין נייער פארם אט.

Harold ma pecha

נייע אונגעהויערליכע צו-פאלען פון הומאר-קעניג

די איבערלעבונגען פון א אום-גליקליכען מענש, וועמען דער שיקזאל האט בעשאנקען מיט א רעדעהאריג-אייגענדע „משטשיע".

פון שבת דעם 16 ביז דינסטאג דעם 19 יולי.

WAMPIRZYCA

דראמאטישער נט-פראצעס אין 8 גרויסע אקטען. אין די הויפט - ראלען די ריזענד-שעהנע אגנעס אויערעס און דער בעריהמטער ראד לא ראק.

די האנדלונג קומט פאר אין איינעם פון די גרעסטע צפון-שטעדט, און דער רייזע איבער'ן ים, קאבארעטען, דאנסינגען און אנדערע גרויסשטעדטישע ווינקעלעך.

גרויסער דאפעלטער פראגראם!

די בעליבטעסטע פילם-ארטיסטען קארע מאר אינים בילד:

Narzeczony z dancingu

די וארג פון א גוטער ארטיסטין, איהרע צרות, ליידען און פריידען רופען ארויס טרעהרען און געלעכטער.

טעאטער „אדעאָן" אלעע 27.

פון היינט איבערן זומער-סעזאן ענהויב שבת האלב 5, זונטאג האלב 4, וואכען-טעג האלב 6.

לעצטער סעאנס האלב 10

טעאטער נאוואשצי אלעע 12.

לעצטער סעאנס האלב 10.

Redaktor Izrael PŁOCKIER Wydawca B. BOCIAN Druk. B. BOCIAN I-sza Aleja 6